בס"ד | פרשת במדבר תשפ"ד | גליון ג׳

# דבר האיחוד

יו"ל ע"י
איחוד
חסידי
מונקאטש

כִּי תְקַדְּמֶנּוּ בִּרְכוֹת טוֹב תָּשִׁית לְרֹאשׁוֹ עֲטֶרֶת פָּז

## יומא דהילולא

### שבת המיוחס בצלא דמהימנותא

שב"ק פרשת במדבר
ב׳ סיון תשפ"ד

פ"ז שנה להסתלקות רבינו הק׳ זי"ע

עולו ואתכנשו להילולא של רבה"ק

מכתב קודש לאנ"ש בארה"ק

לעסוק בדברי תורה

לְאוֹרוֹ נִסַּע וְנֵלֵךְ
מאמר ג

כי ביתי בית תפלה

וואס ווילסטו היינט רעדן?

אָז בַּהֲלוֹךְ... עַל קִבְרֵי אָבוֹת

אלקא דמאיר עננו!

הדפסת הגליון נתנדב על-ידי ידידינו הנכבד והמפואר
**מו"ה אליעזר צבי ליפשיטץ הי"ו**
לעילוי נשמת אביו, הרבני החשוב, מילידי עיר מונקאטש ומזקני קהל עדתינו, מוה"ר יעקב יצחק בן הר"ר אליעזר צבי ז"ל
נפטר בשיבה טובה ראש חודש ניסן שנת ה׳תשפ"ד

## תלמידים וחסידים האבן דער

# ״עולו ואתו ואת
# של רבה״ק ק
# ״בעל מנחת

דעם אויסדריק **"עולו ואתו ואתכנשו להילולא דרבי"**, איז שוין היינט א גאנגבארע מליצה-לשון וואס ווערט ברייט באנוצט, געבויעט אויף דעם מאמר הזוהר (אדרא זוטא רצו, ב), אז ביי די הסתלקות פון רבי שמעון בן יוחאי לחיי עולם הבא אין גן עדן, האט מען געהערט א קול וואס רופט אויס **"עולו ואתו ואתכנשו להילולא דרבי שמעון"**.

אבער רבינו שליט"א האט אונז פארגאנגענע וואך מגלה געווען, אז דאס איז נישט בלויז א מליצה-שפראך. נאר דאס איז ווירקליך אן אויסרוף וואס ווערט געהערט בהילולא דצדיקיא, אויך ביי צדיקים וואס גייען אין די פיסטריט פון רבי שמעון בן יוחאי, און אוודאי אזוי ביי די יומא דהילולא פון כ"ק מרן אדמו"ר בעל מנחת אלעזר זי"ע.

אין זיין מכתב קודש צו אנ"ש אין ארצינו הקדושה, וועלכע האבן כנהוג געפראוועט א שבת קודש בצוותא חדא כהכנה דרבה לקראת ההילולא, דאס יאר אין די הייליגע שטאט טבריה, שרייבט זיי רבינו שליט"א: **נראה, שכעין זה הוא בכל צדיק וצדיק ההולך בעקבותיו [של רשב"י], וכל שכן למי שמוסר נפשו ללמוד וללמד ולהפיץ תורתו הקדושה מעולם ועד עולם, שבעת הסתלקותו מן העולם נשמע אותו הקול האומר "עולו ואתו ואתכנשו להילולתו". וכן הוא ודאי גם ליומא דהילולא של רבה"ק אא"ז בעל מנחת אלעזר זי"ע.**

רבינו שליט"א איז ממשיך זיינע ווערטער: יעדער ווייסט געוויס, אז דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע האט געזאגט, אז א בת קול איז נישט נאר עפעס וואס מען הערט מיט די אויערן, נאר אן התעוררות וואס שפירט זיך אין די נשמה, וואס ערוועקט איהם אינערליך אין הארץ. און רבינו שליט"א פירט אויס דערויף בלשון קדשו: **עד שגם אנו, וכל תלמידיו וכל הלומדים ספריו הקדושים וכל ההולכים בדרכיו, מתעוררים לשמוע קול פנימיות לבנו האומר לן אותם הדברים "עולו ואתו ואתכנשו להילולא של רבה"ק קודש הקדשים בעל מנחת אלעזר זי"ע".**

*

דעם היינטיגען שבת קודש פרשת במדבר, ב' סיון, ווערט די זיבן און אכציג'סטע מאל וואס אונזער הייליגע רבי, דער רבן ומאורן של כל בית ישראל, מרן בעל מנחת אלעזר זי"ע, וועט אראפקומען משמי מרומא עילאה בית שכינתיה, פראווען זיין הילולא על ארעא עובד גבורתיה.

וואס עס איז די עבודת הקודש פונעם צדיק זעלבסט ביומא דהילולא דיליה, האט דאך שוין יעדער מונקאטשער חסיד געלערנט און געהערט וואס דער

## ...הערט דעם אינערליכן רוף:

# ...נכנשו להילולא
# ...דש הקדשים
# ...אלעזר זי"ע

הייליגער מנחת אלעזר זי"ע שרייבט אליינס אין "דברי תורה", אז דער צדיק ווערט דעמאלטס נתעלה מעולם ועד עולם, אבער דאס איז נישט פאר ער איז מקיים די הלכה פון "חייב אדם לפקוד את אשתו בשעה שיוצא לדרך". איידער דער צדיק גייט ארויף העכער, קומט ער אראפ צו אונזער וועלט, ער קומט צווישן זיינע חסידים, השייכים לשורש נשמתו, און איז ממלא משאלות לבם לטובה, בפקודת ישועה ורחמים.

ווען אונזער הייליגע רבי זי"ע וועט דעם שבת קודש אראפקומען אויף די וועלט לכבוד זיין הילולא, וועט מען בעה"י אויסרופן פאר איהם די בשורה טובה: כולם נקבצו באו לך!

ווען דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע וועט אריינקומען בבית מדרשו הגדול, דער מקום מקודש לד' ווי עס שפירט זיך השראתו הקודש בכל עת ובכל שעה, וועט ער טרעפן א ציבור גדול פון אנשי שלומינו בליעה"ר, זקנים עם נערים, תלמידים און תלמידי תלמידים, וואס האבן דערהערט דעם בת קול וואס רופט אויס: **"עולו ואתו ואתכנשו להילולא של רבה"ק קודש הקדשים בעל מנחת אלעזר זי"ע"**.

שמועה שמעו ובאו! א הערליכע עדה קדושה פון איבער גאנץ נוא יארק, און די ארומיגע שטאַטן, נקהלו כאיש אחד בלב אחד בחצרות קדשינו, לאורו הגדול פון כ"ק מרן רבינו שליט"א. זיי האבן געהערט דעם קול און זיי האבן זיך טאקע מתאסף געווען בהאי יומא קדישא, בהתקשרות לב ונפש צום אילנא דחיי, בצלא דמהימנותא קדישא.

**ובאו כולם בברית יחד!** אנשי שלומינו זענען זיך מתאחד ביום ב' סיון - יום המיוחס, און **נעשה ונשמע אמרו כאחד!** להתדבק בדרכיו ולשנן תורתו פונעם הייליגען בעל הילולא זי"ע, בצלא דמהימנותא קדישא. און בעזר השם יתברך הבוחר בתורה ובמשה עבדו ובישראל עמו, וועלן מיר אין דעם שבת הילולא שעפן פונעם באר מים חיים, מלוא חפניים, השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות.

די הכרזה פון **"עולו ואתו ואתכנשו להילולא של רבה"ק קודש הקדשים בעל מנחת אלעזר זי"ע"**, איז דערהערט געווארט מיטן פולסטן שטארקייט, אבער עס וועט זיכער נישט בלייבן אין א בחינה פון "אחת בשנה", נאר דאס וועט יעדן באגלייטן אויך א גאנץ יאר, און ווי רבינו שליט"א פירט אויס אין דעם פריערדערמאנטן מכתב קודש: **"ובודאי הוא קול גדול ולא יסף המעורר להמשיך את הקול הנשמע ביומא דהילולא גם לכל השנה (ולמאן דיזכה, גם לכל ימי חייו). וזכותו הקדוש של אא"ז בעל הילולא יעמוד לנו ולזרענו, לטובה ולברכה לחיים ושלום עד עולם, בעהי"ת"**.

# מכתב קודש

ששלח
## כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
## לאנ"ש בארץ הקודש

שהתאספו לשבות בצוותא חדא
## בעיר הקודש טבריה
בשבת קודש פרשת בחקתי ה'תשפ"ד

כהכנה דרבה
לקראת יום ב' סיון הבעל"ט

## יומא דהילולא של
## כ"ק מרן אדמו"ר
## בעל מנחת אלעזר זי"ע

משה יהודא ליב ראבינאוויטש
אבדק"ק מונקאטש

בס"ד. יום ה' לסדר בחקתי תלכו תשפ"ד.

לאחי ורעי אהובי נפשי, המתאספים לשבת קודש הבעל"ט בעיה"ק טבריה תובב"א,
ובראשם הרב הגה"צ כליל המעלות איש האשכולות רבי מרדכי געלבער שליט"א,
דומ"צ דקהלתנו הקדושה בבני ברק לאורך יוש"ט.

בודאי ידוע וזכור אצלכם מאמר הזהר (אדרא זוטא רצו, ב), שבעת הסתלקותו של רשב"י לחיי העולם הבא בגן עדן, שמעו קלא שקרא "עולו ואתו ואתכנשו להילולא דרבי שמעון". וכאן המקום לומר בקיצור מילים, שנראה שכעין זה הוא בכל צדיק וצדיק ההולך בעקבותיו, וכל שכן למי שמוסר נפשו ללמוד וללמד ולהפיץ תורתו הקדושה מעולם ועד עולם, שבעת הסתלקותו מן העולם נשמע אותו הקול האומר "עולו ואתו ואתכנשו להילולתו". וכן הוא ודאי גם ליומא דהילולא של רבה"ק אא"ז בעל מנחת אלעזר זי"ע. גם ידעתם, שרבה"ק הבעש"ט זי"ע אמר, ששמיעת בת קול אינו רק שמיעה באוזן, אלא התעוררות הנרגש בנשמתו בתוך לבו המעורר אותו, שגם היא כשמיעת בת קול. עד שגם אנו, וכל תלמידיו וכל הלומדים ספריו הקדושים וכל ההולכים בדרכיו, מתעוררים לשמוע קול פנימיות לבנו האומר לן אותם הדברים "עולו ואתו ואתכנשו להילולא של רבה"ק קודש הקדשים בעל מנחת אלעזר זי"ע".

ובמק"א כתבתי (וגם נדפס כמ"פ ע"י הוצאת אמת, בראשה עומד בבקשתי ורצוני בני הגה"צ הרב ר' ירוחם פישל נ"י) לבאר מה ששילש אותו הקול לומר "עולו ואתו ואתכנשו". וגם עתה ערב נסיעתכם לשבת קודש הבעל"ט בשטו"מ, עלה בלבי לפרש, ש"עולו" היא לשון עליה, "ואתו" לא רק ברצון הלב אלא גם בפועל ובמעשה, "ואתכנשו" (כולכם) כאיש אחד בלב אחד כמעמד הר סיני. וע"י פעולות אלו, יכול כל אחד מנן להתעלות ולהתעורר נפשינו ביתר שאת. ובעיקר ע"י אשר בראשיכם האי גברא רבה ויקירא הרב הגה"צ דומ"צ דקהלתנו הקדושה בבני ברק, וגם נלוים נכדי היקרים הנצמודים בקירות לבי הרב הגה"ח רבי חיים אלעזר צבי שליט"א ואתו עמו נכדי הבחור מאוד נעלה בכל המעלות הרב יחזקאל שליט"א, ובודאי הוא קול גדול ולא יסף המעורר להמשיך את הקול הנשמע ביומא דהילולא גם לכל השנה (ולמאן דזכה, גם לכל ימי חייו). וזכותו הקדוש של אא"ז בעל הילולא יעמוד לנו ולזרענו, לטובה ולברכה לחיים ושלום עד עולם, בעהי"ת.

וברכתי מצורפת כאן, שכהנה וכהנה יהא הכל טובה לנשמתנו בעוה"ז, ולנחת רוח לנשמת רבה"ק זי"ע בגן עדן מנוחתו אשר בצלו אנו חיים, וברוח ונשמה יצטרף עמכם בעיה"ק טבריה, אשר בהאי שתא שם תהיה מנוחת שבת קודש (מטעמים הידועים). ואל יגרע המקום בעיניכם, אף שבמירון שם מקום מנוחתו של רשב"י, מ"מ בטבריה היתה ראשית פעולתו בצאתו מן המערה, כמו שאמרנו ושרנו בהילולא דיליה "טהר את עיר טבריה עשה אותה נקיה הודו לו מן שמיא", ובארנו ע"פ מה שכתב הרמב"ם (פי"ד מהלכות סנהדרין הי"ב) שלעשרה מקומות גלו סנהדרין וסופן לטבריה וקבלה שלטבריה עתידין לחזור תחילה ומשם נעתקין למקדש, עכלה"ק. וגם, הרי שם מקום בארה של מרים, וידוע שע"י שתיית מיין קדישין אלה בהוראת האר"י ז"ל זכה הקדוש רבינו חיים וויטאל זי"ע למה שזכה. ואולי מרמזין לנו משמיא, ע"י שגם אנו הובילו אותנו להתאסף בשנה זו בעיר טבריה, כי אנו קרובים ביותר לימי הגאולה במהרה דידן ברוב רחמיו וחסדיו.

נסיעתכם ושובכם לביתכם תהיה ע"י שמלככם בראשיכם, בהצלחה רבה, בשמחה רבה ובסיעתא דשמיא.

הכו"ח באהבה רבה בלבי ונפשי,






# כי ביתי בית תפלה




**"א בית המדרש איז א מקום קדוש, א מקדש מעט. אבער אז עס טראגט נאך דעם נאמען פון הייליגען מנחת אלעזר זי"ע, האט מען א באזונדערע אחריות. די הייליגע נאמען וואס שטייט אינדרויסן - אויפן בית המדרש, איז מער מחייב".**

אט די ווערטער, האבן מיר געהערט פון רבינו שליט"א ביום הושענא רבה תשפ"ג, ביים מעורר זיין אויף דעם ענין קדושת בית המדרש און התחזקות אין עבודת התפלה.

מיט דעם אריינפיר, האט רבינו שליט"א איבער גע'חזר'ט זיין פארלאנג פון אנ"ש וואס דאווענען אין דעם היכל קודש "בית המדרש מנחת אלעזר מונקאטש", ווי אזוי מען דארף זיך אויפפירן דא אין בית המדרש:

**"מיר דארפן זיך אין דעם מקום קדוש אנדערש פירן ווי אין די גאס. נישט אריינברענגען די גאס אין בית המדרש חלילה, דורך שמועסן דברים בטלים - וואס צייטונגען שרייבן, און די אלע נייעס וכיוצא בזה, ובפרט בשעת מען איז עומד בתפלה לפני מלך מלכי המלכים הקב"ה. און אז מען קומט אזוי אריין אין בית המדרש, ווערט מען תיכף אפגעזונדערט און געהעכערט פון די גאס, און דורכדעם קען יעדער איינציגער איד נתעלה ווערן פון וואס ער איז געווען נאר מיט מינוטן פריער, און ער קען בעטן מיט אן אמת ביים מלך מלכי המלכים הקב"ה אויף די גרעסטע און הייליגסטע בקשות".**

לכבוד די יומא דהילולא, וועלן מיר ברענגען א זאמלונג פון סיפורי קודש און מאמרים בעניני תפלה פון רבינו בעל ההילולא זי"ע, וואס וועלן זיכער טרעפן דעם ציל אין אלעמענס הערצער, לחזק ולהתחזק בדברים העומדים ברומו של עולם.

# אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה

כ"ק מרן רבינו שליט"א פארציילט:

איך האב געהערט פון הרה"ח ר' חיים בער ז"ל, א שמועס פון כ"ק אא"ז אדמו"ר בעל מנחת אלעזר זי"ע, ווען ער האט אמאל מעורר געווען איבער זיין צייטליך ביים דאווענען, און וואס פאר א שאדן עס מאכן די וואס שפעטיגען - אפילו נאר מיט עטליכע מינוט - און קומען אָן צו "הודו", און כל-שכן אזעלכע וואס קומען נאך שפעטער. דער הייליגער זיידע זי"ע האט נאכגעזאגט, ווי אזוי הרה"ק ר"ר מענדל'י מרימנוב זי"ע, האט זיך דערויף אפגערעדט אויף זיין שטייגער, בלשון קדשו, בדרך משל:

מיר קומען אריין אין בית המדרש אינדערפרי, עס איז שטארק קאלט, די גוף איז פארפרוירן, און מען דארף איר דערווארעמען. וואס טוט מען? מען דארף אויפשטעלן הייצונג. עס גייט אבער נישט אזוי גרינג. מען נעמט צוזאם העלצער און מען פרובירט זיי אנצינדן, עס גייט אבער נישט, דאס פייכקייט פון די העלצער פארלעשט דאס פייער. עס צינדט זיך נישט אן. טרעפט מען אפאר קליינע שפענדעלעך, און מען צינד דאס אן. עס מאכט זיך א שטיקל פייער. עס צינדט זיך צוביסלעך אן. עס ווערט שוין אביסל ווארימער. דאס פייער כאפט זיך שוין ענדליך ארויף אויף די העלצער, און אזוי צינדט זיך אן א פייער. מען זאגט איין ברכה נאך א ברכה, מען הייבט שוין צוביסלעך אן דאווענען, מען זאגט קרבנות... אבער וואס זאל איך טוהן, אז ביי "הודו" עפענט זיך די טיר, און מען ברענגט זיך מיט די קאלטע ווינטן פון אינדרויסן און פארלעשן מיר דאס גאנצע פייער...!

מען דארף וויסן, אז ווען מען שפעטיגט צום דאווענען, איז נישט נאר וואס מען ברענגט אריין א קאלטקייט, נאר מען לעשט אפילו אויס די גאנצע ברען וואס איז שוין פריער געווען אין בית המדרש!

# ישמחו במלכותך "שומרי שבת"!

ביי "די רייזע קיין ירושלים", אין חודש אייר שנת תר"צ, האט כ"ק מרן אדמו"ר בעל מנחת אלעזר זי"ע געפראוועט דעם ערשטן שבת קודש אין ירושלים עיר הקודש, צוזאמען מיט די בני ציון היקרים המסולאים מפז, וואס זענען ביי איהם געווען אזוי באליבט און געשעצט.

אויפן שטח פון די "בתי מונקאטש", די הייזער פונעם מונקאטשער כולל, צו די זייט פונעם ארטיגען בית המדרש תפארת צבי, איז אויפגעשטעלט געווארן א שאטער, ווי האט רבינו זי"ע אפגעראכטן זיינע לויטערע תפלות און געפראוועט זיינע הייליגע טישן אין לויף פונעם שבת קודש פרשת אחרי-קדושים, מיט דעם באטייליגונג פון א גרויסן ציבור ירושלימ'ער אידן (זעה מסעות ירושלים מאמר סדר יום שלישי אות ב און ווייטער).

פארציילט כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א:

פרייטאג צו נאכטס ביים דאַווענען קבלת שבת, איז צווישן דער גרויסער עולם וואס איז זיך צוזאמגעקומען, אויך געווען אזעלכע וואס האבן געשמועסט ביים דאווענען. אינמיטן דאווענען ווען עס האט זיך פון זיי געהערט א גרויסע גערודער, האט רבינו זי"ע אויסגעשריגן מיט א הויכע שטימע: "שא! דרך ארץ! מחללי שבתים!!"

פארשטייט זיך, אז אט די געשריי האט פאר יעדן געברענגט א ציטער, און פון דאן און ווייטער האט זיך בלויז געהערט א קול תפלה. אבער דער עולם האט געשטוינט. יעדער האט זיך געוואונדערט. וואס באדייטן די ווערטער "מחללי שבתים"?! ליידער איז טאקע דא אין ארץ הקודש ציאניסט"ן, פרייע אידן, אבער דא צום דאווענען זענען דען פארהאנען אידן מחללי שבתים. וואס פאר אן ענין האט ער געהאט דערביי?

נאכ'ן דאווענען, האט אן איש חסיד, פון די חשובי ירושלים, גענומען די קוראזש, און איז צוגעגאנגען צום הייליגען מנחת אלעזר זי"ע פרעגן: "מילא דער רבי האט געשריגן ס'זאל זיין שטיל, נו אזוי ברויך צו זיין - אבער וואס איז דאס מחללי שבתים?"

האט אים רבינו זי"ע גע'ענטפערט אין קורצן: "ס'איז א זוהר הקדוש"!

יארן שפעטער - פארציילט רבינו שליט"א ווייטער - ווען איך בין געווען אין די אנהויב תש"כ יארן אין ירושלים עיה"ק, איז צוגעקומען צו מיר א איד א זקן, און ער פארציילט מיר אט די מעשה - וואס איך האב שוין פריער געהאט געהערט. דער איד זאגט מיר, אז ס'טוט איהם נאכאלץ וויי, אז עס איז געקומען אזא גרויסער ציבור מקבל זיין פני צדיק, און דער רבי שרייט אויף זיי אז זיי זענען "מחללי שבתים". דער איד פרעגט מיר, צי איך ווייס וואו די זוהר הקדוש איז? איך האב איהם צוגעזאגט אז איך וועל דאס זוכן, און איך האב טאקע געטראפן דעם שטיקל אין זוהר הקדוש פרשת ויקהל (חלק ב דף רה עמוד ב).

אט דאס איז דער לשון הזוהר:

צְלוֹתָא דְּשַׁבְּתָא, דְּעַמָּא קַדִּישָׁא, תְּלַת צְלוֹתִין אִשְׁתְּכָחוּ בְּהַאי יוֹמָא, לְקַבֵּל תְּלַת שַׁבָּתֵי, וְאוּקְמוּהָ, וְכֻלְּהוּ חַד. כֵּיוָן דְּעָאלוּ עַמָּא קַדִּישָׁא לְבֵי כְּנִישְׁתָּא, אָסִיר לְאִשְׁתַּדְּלָא אֲפִילוּ בְּצוֹרֶךְ בֵּי כְּנִישְׁתָּא, אֶלָּא בְּמִלֵּי תּוּשְׁבְּחָן וּצְלוֹתָא, וְאוֹרַיְיתָא, וְכַדְקָא חֲזֵי לוֹן. וּמַאן דְּאִשְׁתַּדַּל בְּמִלִּין אַחֲרָנִין, וּבְמִלִּין דְּעָלְמָא, דָּא אִיהוּ בַּר נָשׁ דְּקָא מְחַלֵּל שַׁבְּתָא! לֵית לֵיהּ חוּלָקָא בְּעַמָּא דְּיִשְׂרָאֵל! תְּרֵין מַלְאֲכִין מְמָנָן עַל דָּא, בְּיוֹמָא דְּשַׁבְּתָא, וְאִינּוּן שַׁוּוּ יְדֵיהוֹן עַל רֵישֵׁיהּ, וְאַמְרֵי: "וַוי לִפְלַנְיָא, דְּלֵית לֵיהּ חוּלָקָא בְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא"!

דער זוהר הקדוש זאגט: ווי נאר דאס הייליג פאלק קומט אריין אין בית המדרש, טאר מען נישט פארברענגען מיט קיין שום זאך, אפילו מיט באדערפענישן פון בית המדרש, נאר מיט לויב ווערטער און תפלות, און מיט די תורה. און ווער עס טוט אנדערע זאכן, אזא מענטש איז א מחלל שבת! ער האט נישט קיין טייל אין דעם אידישן פאלק! צוויי מלאכים זענען געשטעלט אויף דעם ביום השבת, און זיי לייגן זייערע הענט אויף זיין קאפ, און זאגען: וויי איז פאר יענעם, אז ער האט נישט קיין חלק אין קודשא בריך הוא!



רבינו שליט"א האט אויסגעפירט: דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע האט נאר איבערגעזאגט דעם ערשטן חלק פונעם זהר, אז א מענטש וואס רעדט ביים דאווענען שבת קודש איז מחלל שבת! אבער ער האט ניטאמאל איבערגעזאגט די פחד'יגע דיבורים וואס שטייען דארט ווייטער אין זוהר: אז עס קומען מלאכים און לייגן ארויף די הענט אויפ'ן קאפ פון דער וואס שמועסט, און זאגן "ווי פאר דעם מענטש וואס ער האט נישט קיין חלק אין קודשא בריך הוא"!

# "זמן תורה לחוד וזמן תפלה לחוד"!

אין "דרכי חיים ושלום" (אות קנא) ווערט פארצייכנט: "בשעת התפלה לא הביט [רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע] ולא עיין בשום ספר, גם בין ההפסקות וחזרת הש"צ וכיוצא". אז אין די צייט פון דאווענען, האט מען קיינמאל נישט געזעהן אז דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע זאל ארייננקוקן און זיך פארטיפן אין סיי וועלכע ספר, אפילו 'בין ההפסקות' און ביי חזרת הש"צ און דאס גלייכן.

דערויף איז כדאי צו ברענגען וואס עס האט פארציילט הגה"צ רבי רפאל זילבער זצ"ל אב"ד פריימאן, מחבר ספרי מרפא לנפש (געברענגט אין ספר ארז בלבנון - נועם שיח):

אמאל אין זיינע יונגע יארן, ווען הגה"צ אב"ד פריימאן זצ"ל האט געוויילט אין שטאט מונקאטש בצל קדשו פון רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע, איז אויסגעקומען, אז ביי חזרת הש"צ האט דער פריימאנער רב גענומען אין די האנט א ספר ארייננצוקוקן. די ספר איז גראדע געווען א חלק פון שו"ת מנחת אלעזר, וואס איז אין יענער צייט ערשינען פון דרוק. אבער פליצלונג טרעפט ער זיך, ווי רבינו זי"ע שטייט אונטער איהם, מאכט איהם צו דעם ספר און זאגט איהם: "זמן תורה לחוד וזמן תפלה לחוד"!

# א שווערע וועג...

עס ווערט פארציילט אין "דרכי חיים ושלום" (אות קמו הערה א):

אמאל איז רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע געפארן פון איין מדינה צו אן אנדערע מדינה, אין א צייט וואס עס איז געווען איינדרויסן א שווערע בלאטע און מאראסט. ווען ער איז אנגעקומען צום גרעניץ, האט דער מנחת אלעזר געדארפט גיין צופיס א ווייטער וועג, אין די בלאטע. האט זיך איינע פון די באגלייטערס זיך אנגערופן, אז די וועג איז זייער שווער פארן רב. האט איהם רבינו זי"ע געענטפערט:

- גלייבטס מיר, אז אין איין שמונה-עשרה האב איך אסאך א גרעסערע ארבעט און אסאך א שווערערע וועג עס דורכצוגיין לטובה. און וואס פאר א פארגלייך איז דער בלאטיגער וועג...

# שב"ת ראשי תיבות ת'פילתי ש'גורה ב'פי

נודע בספרי תלמידי הבעל-שם-טוב הקדוש זי"ע, שעיקר כח התפלה הוא בשבת קודש. וכן שמעתי מפה קדוש אאזמו"ר [בעל שם שלמה] זי"ע מפה, שהוא בהרגש הלב של כל בר ישראל דקדושה, כי התפלה בשבת קודש ופסוקי דזמרה וברכת קריאת שמע מה שאומרים גם כן בימות החול, אף על פי כן אינו דומה הרגש הלב בדברים האלו האומרם בימות החול לכשאומרם ביום שבת קודש.

וזה י"ל מה שאמרתי כבר, כי שב"ת ראשי תיבות ת'פילתי ש'גורה ב'פי, על דרך שאמרו חז"ל במתני' ברכות (לד, ב) אם ת'פילתי ש'גורה ב'פי יודע אני שהוא מקובל.

וכבר כתבו בספרים בשם הקדוש מה"ר דוב בער ממעזריטש זי"ע כי מ"ש שדנין את האדם בכל היכל, היינו בכל דיבור ודיבור מהתפלה, אם יקבלו תפלתו, היינו אם יזכה להתפלל בכונה. ועל כן בשבת יום רצון יזכה להתפלל בכונה וברגש קדושה כראוי, והוא ראשי תיבות ת'פילתי ש'גורה ב'פי.

וי"ל רמז גם כן, כי שבת הוא שק"ו צי"ת וגימטריא רשו"ת, והוא ראשי תיבות שועתינו קבל ושמע צעקתינו וכו', היינו שהשם יתברך יקבל תפלתנו ושועתינו, תפלות מלבות באות בהרגש הלב ביום שבת קודש, וגם שיתנו לנו רשו"ת מן השמים על כל דבור ודבור שנזכה לומר לפניו ית"ש בכונה.

וי"ל רמוז בזוהר הקדוש בראשית (כג, ב) וזה לשונו: צלותא דשבת איהי צדקה לעני, והיינו אין עני אלא בדעת, גם לאנשים כערכנו יעוררו ויאירו בלבנו בתורת צדקה בצלותא דשבת להתפלל ברגש קדושה לפני השם יתברך.

חמשה מאמרות - מאמר תורת שבת פרשת במדבר



# תוכחה צל שיחה בשעת התפילה

אמאל איז מען געקומען דערציילן פאר רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע, אז עס זענען פאראן עטליכע תלמידים פון די ישיבה, וועלכע רעדן ביים דאווענען, און אזוי אויך ביי די הויכע שמונה עשרה, וואס דורכדעם קומט ארויס אז זיי ענטפערן נישט קיין 'ברוך הוא וברוך שמו' און 'אמן'. רבינו זי"ע האט די שמועה לא טובה אויפגענומען זייער ערנסט, און דאס קומענדיגע מאל ווען ער האט פארגעלערנט זיין שיעור פאר די תלמידי הישיבה, האט ער זיי מוסר געזאגט אויף דעם ענין.

אט זענען די מוסר-רייד וואס רבינו זי"ע האט דאן געלאזט הערן, און ער האט דאס שפעטער אליינס פארצייכנט אין זיין ספר "דברי תורה" (מהדורא ג אות לד, ועיין עוד מהדורא ה אות סז ד"ה עוד זאת), כדי אונז, מיט אזויפיל יאר שפעטער, זאלן קענען איבערלערנען און אויך אננעמען אט די מוסר-רייד:

חז"ל זאגען אין מסכת ברכות (יז, ב) אז די רבנן האבן געבעטן א תפלה, 'שלא יהא לנו בן או תלמיד שמקדיח תבשילו ברבים' - אז מיר זאלן נישט האבן קיין זוהן אדער תלמיד וואס פארברענט זיין געקעכטס ברבים, דאס הייסט אז ער טוט שלעכטע זאכן אין די עפענטליכקייט - פאר אסאך אנדערע מענטשן.

דארף מען פארשטיין, פארוואס האבן זיי דוקא חושש געווען אז מען וועט טוהן שלעכטע זאכן 'ברבים', מען דארף דאך אסאך מער חושש זיין מען זאל טוהן עבירות בסתר, אין די באהעלטענישן, אזוי ווי מען זעהט (ברכות כח, ב) אין די צוואה פון רבי יוחנן זכאי, אז ער האט געזאגט, הלואי זאל זיין די מורא שמים אויף ענק אזוי ווי די מורא פון א בשר ודם, האבן זיינע תלמידים איהם געפרעגט, רבי נאר דאס? און ער האט זיי געענטפערט, עטס זאלטס וויסן אז ווען א מענטש איז עובר אן עבירה זאגט ער אז א מענטש זאל איהם נישט זעהן. און עס איז דאך מער שכיח אז מען האט מורא פון מענטשן, ווייל מען האט דאך נישט אין הארץ די פולקאמע יראת שמים און אמונה, מען זאל ריכטיג מורא האבן פון באשעפער אליינס. און דער וואס איז עובר אן עבירה בסתר, איז דאך ערגער, ווייל ער האט נישט קיין מורא און בושה, נישט פון באשעפער און נישט פון קיין מענטשן. אויב אזוי, פארוואס זאגט ער דוקא 'המקדיח תבשילו ברבים', 'בסתר' און 'ביחיד' איז דאך מער שכיח מען זאל זינדיגען, און דאס איז אסאך ערגער? און בכלל דארף מען פארשטיין פארוואס מען באנוצט זיך דא פונקט מיט דעם משל פון "מקדיח תבשילו"?

נאר די פשט אין דעם איז אזוי: חס ושלום צו זאגען אז די רבנן האבן חושד געווען זייערע תלמידים, אז זיי גייען ארויס פון כלל ישראל און זאלן זיין 'מקדיח תבשילן ברבים'. נאר זיי האבן מתפלל געווען, אז אויך 'עבירות קלות שאדם דש בעקביו', ווי צום ביישפיל צו רעדן בשעת חזרת הש"ץ - וואס כאטש זייער עונש איז גאר גרויס ר"ל ווי עס איז מבואר אין ספרים הקדושים (ראה שלחן ערוך אורח חיים סימן קכד סעיף ז), פונדעסטוועגען איז אין זיי נישט פאראן קיין איסור

"אין די תקנות ווערט צווישען אנדערע פערבאטען... צו רעדן ביים דאווענין אדער בשעת קריאת התורה...די תקנות מעגען דינען אלס מוסטער בילד אויך פאר אנדערע קהלות"

א באריכט אין יידישע צייטונג

## מונקאטשער קהלה האט אנגעארדענט שטרענגע הויז־ארדנונג אין די בתי־תפילות

די וואך האט די קהלה אין אלע חיגע בתי מדרשים אפישיערט אזהרות און תקנות, וועלכע שרייבען פאר אויף דעם שטרענגסטען אופן די איינהאלטונג פון דיזעלבע.

אין די תקנות ווערט צווישען אנ־דערע פערבאטען ; 1) צו ערשיינען אין עזרת־נשים מיט דעקאלטירטע מלבושים. 2) צו רעדען ביים דאווענין אדער בשעת קריאת־התורה. 3) צו אפישירען אין די בתי־תפלה א מודעת אהן דער הסכמה פון בית־דין אדער קהל. 4) צו שטערן דורך רע־דען אדער אויף א אנדערע ארט צו הינ־דערן דאס אויסרופען פון בית־דין'ס אדער קהלה'ס מודעות דורך די שמשים.

די וועלכע איבערטרעטען די תקנות קענען אויפ'ן בעפעהל פון בית־דין בע־שטראפט און פון בית־המדרש ארויסגעוויזען ווערען.

די תקנות זענען גענעהמיגט פון דער קהלה מיט דעם בית־דין און ס'איז זייטענס די פאליציי־בעהערדע סאנקציאנירט. די פאליציי בעהרדען וועלכע האבען אויף די תקנות דעם חותם געלעגט, ערקלערען אין זייער צושריפט, אז דייעניגע וועלכע וועלען די טעמפעלהויז־ארדנונג איבער־טרעטען וועלען אלס נ־ט׳עס דינסט־שטערער אויף גרונד פון שטראפגעזעץ XL. פון יאהרע 1879 פערפאלגט ווערען.

די תקנות מעגען דינען אלס מוסטער בילד אויך פאר אנדערע קהלות.

# "שלש עשרה מדות נהוגות"

רשימת מ"סדר נוסח התפלה הנהוג בבית המדרש של מרן רבה"ק במונקאטש" ששלח הרה"ח ר' משה גאלדשטיין הי"ד לארה"ק לבני כולל מונקאטש

**פרסום ראשון!**



חיים אלעזר שפירא
אבדק"ק
מינקאטש והגלילות

על חומותיך ירושלים הפקדתי שומרים
נשיאת כוללת מינקאטש ועשרה גלילות יצ"ו
באקה מכל המדינות
צדקות ונדבות עבור אחבי"תושבי אה"ק ת"ו
ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה

ב"ה יום ________ תרצ ________ מינקאטש יע"א.

סדר נוסח התפלה הנהוג בביהמ"ד של מרן רבה"ק שלימ"א במונקאטש

א. הש"ץ מתחיל אדון עולם וגו' (ומדלגין יגדל), ברכות השחר, העקידה א"א ביום שא"א תחנון (זולת בר"ה יו"כ והו"ר), לעולם יהא אדם יר"ש בסתר כבגלוי, סדר הקרבנות, (אין אומרין וביום השבת, ובראשי חדשים) איזהו מקומן והיה"ר באלו הקרבתי וכו' (ובשיו"ט א"א יה"ר) ומסיימין אחר ברייתא דר"י – יה"ר שיבנה ביהמ"ק ב"ב ותן חלקנו בתורתיך, קד"ר,

ב. אומרין הריני מזמן את פי להודות ולהלל וגו' (ולא קודם ברוך שאמר) ומתחילין הודו לה' וכל סדר התפלה ונוסח השמ"ע בדיוק נדפס (ע"י כ"ק רבינו שלימ"א) בסידור חמדת ישראל למהר"ש וויטאל זי"ע (בפח נמצא בירושלים סידור הלז) משם תדרשנו לטוב,

ג. סדר קבלת ש"ק לכו נרננה, וזמר לכה דודי (בניגון) הכל כנדפס בסידורים, מזמור שיר ליום השבת, ה' מלך, קדיש יתום, כגוונא, תפלת ערבית, השכיבנו וגו' רק עד והושיענו מהרה למען שמך (גם ביו"ט א"א והגן וכו') ומתחיל מיד ופרוס עלינו סוכה שלומך ברוך וגו', שמ"ע, ויכולו, ברכת מעין שבע, אחר מזמור ה' רועי רק חצי קדיש וברכו בתרא, עלינו,

ד. ביום ש"ק ביהי כבוד מתחיל הש"ץ לסיים בקול רק הפסוק ה' הושיעה המלך יע"ק כמו שמבואר בשו"ת צבי תפארת ובמאמר נוסח התפלה שבחמשה מאמרות עיי"ש,
~~באמירת נשמת אין אומרים שועת עניים וגו' רק מי ידמה לך וגו',~~ הכל יודוך כל הפיסקא אומרים פסוק עם הפסוק חזן וקהל, א' ארון מזמרין בניגון,
בקריאת התורה העולה עומד לימין הקורא (חמיר), יקום פורקן, מי שבירך, מוסף, אין כאלקינו, עלינו, אנעים זמירות,
במנחה קודם קה"ת ואני תפלתי ואחר קה"ת הללוי' אורה וגו',

ה. זמירות דסעודה שלישית – כסדר הזה – הללוי' אורה, הללוי' אשרי איש, אתקינו סעודי בני היכלא, מזמור ה' רועי נ"פ, (תורה) ברוך ה' יום יום, בבואו מארום, (וא"א ה' מלך), יום שבתון, דרור יקרא, שבת היום, (מדליקין נרות ע"י מי שמתפלל ערבית) ויאתיו כל לעבדך וגו' עד ויתנו לך כתר מלוכה,

ו. סדר תפלת [...] מתחילין וידבר וכל סדר [...] הקרבנות, ואין [...]אומרין הודו [...]ה' רועי וברכו בתרא, וכן כשחל יו"ם בשבת ובשבת חוה"מ או [...]אין אומרין כל הנז' בזה,
[...]חילין בערבית – בואי ונצא לקראת כלה וגו' מזמור הבו לה' [...]מור וזכור, לקראת שבת, (מדלגין מקדש והתנערי) התעוררי, [...]בה ר"ה אומרין רק לכה דודי, שמור, לקראת, בואי בשלום, [...] בואי בשלום, בלבד,
[...] בשבוי"ם מזמר הש"ץ קדיש תתקבל,
[...]אי בתעצומות עוזיך עד תתהלל, וגם א' מלך גדול ומהולל [...] שקודם ברכו ואח"כ תתברך לנצח, מנגן המנגן הכל, וכן [...]ם מזמרין בישתבח כנ"ל עם יתגדל, ותתברך, (ואומרין ג"כ האדרת והאמונה וגו' קודם ברוך שאמר בחוה"מ),

ט. פיוטים ביו"ם – אומרים הכל (כמו שנדפס במחזורים שלנו) אחר השמ"ע בלי דילוג כלל, זולת הפיוטים שנדפסו לאמרן קודם השמ"ע אין אומרים אותם, וכן בד' פרשיות ושה"ג אומרים פיוט בשחרית (בשקלים וחודש גם במוסף) בלי דילוג גם הסילוק לפני קדושה אין מדלגין בשום פעם לעולם, ובשמחת תורה אומרין הפיוט נשמת במקומו קודם נשמת,

י. ביו"ם א' דפסח ובשמ"ע עצרת הפיוט הוא [...] רק במוסף היינו ברכות טל וגשם (בלתי לבוש הקיטל) בטל מתחילין בדעתו, תהומות, אח"כ מדלגין מהנדפס ומתחילין או"א טל תן וגו' ובגשם מתחילין אף ברי, יטריח, ואח"כ או"א זכור אב וגו', במוסף שבועות אין אומרים פיוט כלל, רק בשחרית, ואחרי הוצאות הס"ת קורין את הכהן העולה ראשון וטרם מברך אומרים (רשות והתעוררת ד"ת מקודם) אקדמות ואח"כ כהן מברך וקורין,

יא. בר"ה ויו"כ אומרים ג"כ כל הפיוטים בשחרית ומוסף מנחה ונעילה (ובליל יו"כ) זולת קודם השמ"ע כנ"ל, וגם הפיוטים קודם הקדושה ובין הקדושות אומרים הכל בלי שינוי, רק בר"ה מדלגים הפיוט בין מכיות זכרונות שופרות (ואומרים רק היום הרת עולם [...] וכו' וארשת וכו') וביה"כ מדלגים בשחרית (קודם ובכן תן פחדך האדיר בשמי עליות, ובכן מי וכו' וכו' ומתחילין (הש"ץ) תושגב לבדך ותמלך על כל ביחוד וגו' ובכן תן פחדך, ובנעילה מדלגים רק מפיוט ומי יעמוד חטא אם השמור [...] וגו' עד הפיוט המתחיל זכור ברית אברהם וכו' (ולא עד בכלל הדילוג) ואומרים אז ס"ה רק ג"פ א' מלך יושב וי"ג מדות (וכמבואר ברא"ש יומא שא"א רק ג"פ א' מלך בנעילה) וכן מ"ש במחזורים בכל נדרי ובשחרית שזהו מדלגים בפראג וכו' מדלגים ג"כ כנהוג,
בפורים אומרים קרובץ להקליר במקומו בכל ברכה בהשמ"ע כמ"ש בסידורים,

יב. בסעודה שלישית דיו"ם ראשון שחל בשבת אין אומרים זמירות של שבת כלל רק של יו"ם אבל כשחל יו"ם שני של גליות בשבת מזמרין רק בסעודה שלישית כל הזמירות כמו שאר שבתות השנה, יען שהסעודה ג' הוא כבר ללילה מוצש"ק של חול,

יג. סדר יוכ"ק דערבי ר"ח – נוהגין רק ב"פ בשנה היינו בער"ח אלול ובער"ח ניסן,

ע"כ רשמתי כעת כפי זכרוני וכוחי בשלש עשרה מדות נהוגות הנ"ל ועוד ידי נטוי' ברצות ה' למלאות אחרי רצונכם לטובה ועתה די בזה, וצריכין למודעי ; כי כל הנ"ל הי' למראה עיני קודש מרן רבינו נשיא אלקים שלימ"א ובאיזהו מקומן הגיה בכתי"ק (המונח תחת ידי) והעתקתי הכל למשמרת בזה דברים כהוויתן בדרך כלל.
כוח עש"ק ויקרא תרצ"ג מונקאטש יצ"ו

כולל מינקאטש ועשרה גלילות יצ"ו
PALESTINA VERWALTUNG MUKAČEVO



לא תעשה און איבערהויפט קיין איסור ערוה ח"ו - זאלן די תלמידים אויך געווארנט זיין. ווייל אויב וועלן זיי מיקל זיין און דאס פורץ זיין, וועט ארויסקומען א גרויסע עון פון חילול השם און פון מחטיא זיין דעם רבים. ווייל די בעלי בתים וואס זעהן דאס אין בית המדרש וועלן זאגען, אויב פון די בני ישיבה רבתי, די תלמידים פועם רב, רעדן ביי שמונה עשרה און דאס גלייכן, איז דאך דאס מותר פאר אונז - פשוט'ע סוחרים - אלס א קל וחומר אוודאי צו טוהן אזוי.

חז"ל זאגען אין סוף גיטין (צ, א) ביי די מחלוקה פון בית שמאי און בית הלל, אז די בית שמאי זאגען אז א מאן זאל נישט גט'ן זיין פרוי נאר אויב ער האט געטראפן אין איר אן איסור ערוה, און די בית הלל זאגען אז אפילו בלויז 'הקדיחה תבשילו' - זי האט פארברענט זיין געקעכטס, דאס מיינט אן קיין שום איסור ערוה, עיין שם. די זעלבע זאגט מען דא, אז די רבנן האבן געבעטן 'שלא יהא לנו בן או תלמיד שמקדיח תבשילו' וואס דאס איז א חטא קל, וואס איז אינגאנצן נישט קיין איסור ערוה, נאר די חטא איז ווייל עס איז 'ברבים' - אז א רבים וועלן זיך אפלערנען פון איהם, און ער וועט זיין בכלל חוטא ומחטיא את הרבים.

דערפאר, למען השם זאל עטס געווארענט זיין אין דעם. 'ויהי נועם ד' עלינו לקרבנו לתורתו ולעבודתו יתברך שמו בכל טוב סלה.


בעזה"י

ווארנונג אום ניכט צו שפרעכען אים בית הכנסת!

אים פֿאַן דער טראגווייטע דעם פֿערברעכענס אים הייליגען בעטהויזע – אונזערעס מקדש מעט – דברים

בטלים צו שפרעכען, זיך וועניגסטענס איינען אנגאהערנדען בעגריף

בעזה"י

# אזהרה מלדבר שיחות חולין בבית הכנסת

בשם מדרש שוחר טוב אמר רבי יוסי בן קסמא פעם אחת הייתי מהלך בדרך ופגעתי שלש מאות גמלא טעונין אף וחימה ופגע בי אליהו הנביא ז"ל ואמר לי זה למאן דמשתעי בבי כנישתא ומי לנו גדול ממשה רבינו ע"ה שמתירא מאף וחימה כאמור כי יגורתי מפני האף וחימה הובא בבעל הטורים כתיב לתהלה לשם ... שישראל משבחים ומהללים לשם הוא להם לתפארת והיינו דאמרינן עתיד הקב"ה להיות ... יק וצדיק שאותה עטרה שמעטרים להקב"ה בתפלתם מחזירה להם אבל מי ששח שיחת ... קיפים לו כל גופו בקוצים (המסורה לכך שיר השירים לית כנגדו בקול הסירים ר"ל כי ... שר ורית קץ לעונש הקוצים למי ששח שיחת חולין עכ"ל) ובס' יורה חטאים כתב ... משוררין ומשבחים קורא אני עליו הוי על כל שכני הרעים וכו' וכתיב מי בקש זאת מידכם ... המדברים שיחת חולין בבה"כ ובפרט תפילין של ראש על ראשו ותפילין של יד על זרועו ומדברים דברים בטלים שמזולזלים כבוד הקב"ה בפרהסיא בתוך הקהל ועדה באותן השעות המיוחד לקדושה להלל ולשבח לעמוד לשרת לפני המלך ה' צבאות ולקבל עול מלכות שמים ובעו"ה פורקים עול מלכות ואינם משימים על לבם מה שאמרו בבואם לביה"כ **מה נורא המקום הזה** איה הכבוד ואיה המורא ובעו"ה על עון זה יש פתחון פה להשטן לקטרג יותר מעל כל שאר עבירות מחמת שבעו"ה העכו"ם בבית תפלתם עומדים באימה וביראה וכורעים על ברכיהם בבית תפילתם באימה ופחד וכפיהם פרושת לאלהיהם מעשה ידי אדם אשר לא יראו ולא ישמעו ואנחנו העומדים לפני ממ"ה הקב"ה חי וקים רם ונשא יתברך שמו ויתעלה זכרו לנצח נצחים וכל ברואי מעלה ומטה אוחזים חיל ורעדה ורתת מלפניו כי נורא הוא ואנו קרוצי חומר על אחת כמה וכמה יש לנו לעמוד בפניו באימה וביראה ופחד וחיל ורעדה יאחזון בבה"כ. **מתכוני תשובה** לצום ארבעים יום כשמדברים שיחת חולין בביה"כ ע"כ כל מי שהוא עכ"פ קצת בר דעת יקח הדברים הנ"ל על לבו וגם ימנע אחרים מלדבר בביה"כ דברים שאינם לצורך התפלה ובזכות זה יהא רעוא מלפני עושה ארץ בכחו ומבין תבל בחכמתו להשפיע לנו בנודש ברכתו אין פרץ אין יוצאת ואין צוחה בביתו והי' אחריתו טוב מראשיתו ויגיב בנים ובני בנים בביתו ויזכה להזמן המקווה אשר יאמר ליעקב ולישראל הנה שברו ופעולתו אתו במהרה בימינו אמן.

פרסום ראשון!

מודעות אין לשון קודש און אין אידיש געדרוקט אין שטאט מונקאטש צו מעורר זיין אויף קדושת בית המדרש




# חָבֵר אָנִי לְכָל אֲשֶׁר יְרֵאוּךָ וּלְשֹׁמְרֵי פִּקּוּדֶיךָ:

מדברי רבינו שליט"א באסיפת אנ"ש מתפללי בית מדרשינו הגדול מוצש"ק וארא תשפ"ד העע"ל:

**...ברוך השם, איינע פון די גרויסע מעלות פון אונזער בית המדרש, דא, איז די אלע תקנות און קבלות על קדושת המקום וואס מען האט איינגעפירט א צייט צוריק, און מען האלט עס ב"ה ווייטער אן. די בית המדרש איז היינט אויסגערעכנט צווישן די בתי מדרשים וואס מען רעדט נישט בעת התפלה און קריאת התורה, און רוב רובם פונעם ציבור רעדט אפילו נישט בין גברא לגברא. דער ציבור דא איז היינט בליעה"ר לדוגמא אין דעם ענין פון נישט רעדן שיחות חולין ביים דאווענען אין בית המדרש.**

מיר בעטן די אלע חשוב'ע געסט שיחיו אויף דעם געהויבענעם שבת המיוחס, באי בית ד' אשר שמו הגדול והקדוש של רבינו בעל ההילולא זי"ע נקרא עליו:

**ביטע נזהר בקדושת המקום און נישט רעדן קיין שיחות חולין בשעת התפלה וקריאת התורה!**

אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִ

# ביומא דהילולא קד
# ספר הקדוש "דברי ד

## כפי בקשת והצעת כ"ק מרן אדמו"ר שלי

**אבקש** גם לחזור ולקבל ע"ע ללמוד שיעורים קבועים בספרי רבוה"ק זי"ע, ומי שעדיין לא הצטרף עד הנה בקביעות שיעור היומי בצוותא חדא עם כל אנ"ש בכל קצוי תבל בספר הקדוש דברי תורה, יזדרז בשעה אחת יפה קודם לעשות כן, ומובטחני שיהא לו לטובה ברוח בנפש ובגוף.

*ממכתב קודש לקראת ב' סיון תשס"ט*

**פה** מצאתי פינה להזכיר מה שקבלנו עלינו מלפני שנים ללמוד בכל יום שיעור קבוע בספר הקדוש דברי תורה, שחוץ ממה שב"ה גורם לי, ויותר לאבותינו הקדושים, עונג רב, שמעתי מאנ"ש ממש פלאות מה שזכו לקבל ישועות רבות מאז קבעו להצטרף לשיעורים אלו, וכן יהא לנו בעזרת השם יתברך...

*ממכתב קודש לקראת ב' סיון תשע"ז*

**ואחזור** ואשנה ואשלש בקשתי לכל אנ"ש בכל מקומות מושבותיהם להצטרף עמנו ולקבוע שיעור ולעסו"ק בדבר"י תור"ה וחסידות הבעש"ט זי"ע, בכל יום ויום. וטוב להם ולביתם להוושע בכל מיני ישועות ובכל משאלות הלב לטובה ולברכה.

*ממכתב קודש לספר דברי תורה ב' אייר תשפ"ג*



וָנוּ לַעֲסוֹק בְּדִבְרֵי תוֹרָה

# ישא נתחזק בלימוד תורה" דבר יום ביומו

ט"א בכתב ובעל-פה כמה וכמה פעמים




**כל** תלמיד ישתדל להרכיש לו כל ספרי רבינו הקדוש זי"ע, ולכל הפחות רובם, בכדי שיוכל לעיין בהם בתמידיות, ולקשר לבבנו בזכרון תורתו הקדושה. וגם שיהיה שפתותיו הקדושים דובבות בקבר, וימליץ טוב בעדנו. ומה טוב שילמדו ויהגו בספריו הקדושים מדי יום ביומו, חודש בחדשו, שבת בשבתו, כסדרן. ולכל הפחות לעיין בכל יום באות אחד בספרו דברי תורה.

*החלטת מועצת התלמידים*
*לקראת יומא דהילולא הראשונה - ב' סיון תרח"צ*

**ומי** שיש לו קצת השגה, יראה ויבין בספרו הקדוש "דברי תורה" ט' חלקים הנדפסים, את רב גאונו בש"ס בבלי וירושלמי וזוהר הקדוש ומדרשים, רמב"ם וטור שלחן ערוך וכתבי האריז"ל, אשר מראה בהם נפלאות, פלאי פלאות, ברוב בקיאות, בענינים העומדים ברומו של עולם, למצוא "דברי תורה" במקורן בדרכי החסידות, והנהגות ישרות, אמרות נחמדות, נאות וישרות, הרואה אומר ברקאי.

**ואגב** אמרתי לעורר, כי לעניית דעתי היה טוב ומן הראוי, שתלמידיו וידידיו וחסידיו והרבנים מנהלי הישיבות, יעשו להם קביעות, בדבר"י תורו"ת, ללמוד בכל יום עם תלמידיהם, כי זה יספיק לספרי מוסר, כי העיקר היום להכניס בלבבות, דרכי החסידות, באמונת תלמידי רבינו הבעל שם טוב זי"ע וספריהם הקדושים, אשר רבינו הקדוש זי"ע לומד ומפרש דבריהם, כדברי רבותינו בעלי התוספות שצריכין ליגע בדבריהם כן מיגע רבינו ולומד דבריהם הקדושים דרכי החסידות, להראות נפלאות, שהם מלא סודות.

*הגה"צ רבי שלמה צוקער זצ"ל, אב"ד האלאס*
*בקו' זכר צדיק לברכה אות ה*

## הַגָּהוֹת הַיְרוּשַׁלְמִי

אויף תלמוד ירושלמי

# לְאוֹרוֹ נִסַּע וְנֵלֵךְ

די הייליגע ספרים
פונעם בעל ההילולא



# וועלכער

**ספר צווישן די אלע צענדליגער הייליגע ספרים פון רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע, האט ער דאס לעצטע געשריבן? אויף וועלכע ספר האט ער האט אזויפיל השתדלות געטוהן דאס צו קענען דריקן דייקא אין ירושלים עיר הקודש, און פון דארט אימפארטירן איבער דעם ים קיין אייראפע?**

**עטליכע ספרים פונעם הייליגען מנחת אלעזר זי"ע האט מען נאכנישט געהאט באוויזן צו דריקן ווען עס איז אנגעקומען די גרויסע וועלט מלחמה. זיי זענען געבליבן אין זיין הייליגע האנטשריפט, און אזוי זענען זיי פארלוירן געגאנגען ביזן היינטיגען טאג. וחבל על דאבדין ולא משתכחין. וועלכע פון די ספרים איז געווען פארלוירן, אבער עס איז - צום פרייד פון מונקאטשער חסידים - אפיר געקומען אויף א וואונדערליכן אופן מיט עטליכע יאר שפעטער?**

**דאס אלעס און נאך אסאך מער, וועט איר זיך דערוויסן נאכן גוט דורכלייענען דעם ארטיקל:**

## תלמוד ירושלמי

נאכן חורבן בית שני, אין די תקופה פון די אמוראים, איז געווען ביי כלל ישראל צוויי תורה צענטערן, איינע אין ארץ ישראל און די אנדערע אין בבל.

פון די תורת ארץ ישראל, די הלכות און מאמרים פון תורה שבעל-פה וואס די ארטיגע אמוראים האבן דורכגעארבעט און אויסגעקלארט, איז ארויסגעוואקסן דער "**תלמוד ירושלמי**", וואס איז געמאכט געווארן ארום צוויי-דריי הונדערט יארן נאכן חורבן הבית.

כאטש וואס די ישוב אין ארץ ישראל אין יענע צייט איז נישט געווען אין ירושלים (זייענדיג דאן איינגענומען דורך די רומיים), נאר אין גליל (די שטעט אויף צפון זייט ארץ ישראל - "יבנה וחכמיה"), פונדעסטוועגן האבן זיי געשאנקן דעם כבוד פאר ירושלים, אז דאס זאל אנגערופן אויף איר נאמען "**תלמוד ירושלמי**".

שפעטער, ווען אין בבל האט מען געזעהן דעם "**תלמוד ירושלמי**", האט מען דארט אויך צוזאמגענומען די אלע תורה וואס מען האט זיך בעל-פה מפלפל געווען און אויסגעהארעוועט במשך די יארן, און דערפון האט - מיט איבער דריי הונדערט יאר שפעטער - אויסגעשפראצט דער "תלמוד בבלי", דורך רבינא און רב אשי וועלכע האבן דאס מסדר געווען.

דער רמב"ם אין זיין הקדמה צום יד החזקה שרייבט, אז דער "**תלמוד ירושלמי**" האט מסדר געווען רבי יוחנן, וועלכער איז געווען פון די ערשטע אמוראים, א תלמיד פון רבינו הקדוש רבי יהודה הנשיא דער מסדר המשנה. אבער אזוי ווי מיר זעהן אז אין תלמוד ירושלמי ווערן דערמאנט פיל אמוראים וואס האבן שוין געלעבט געציילטע דורות נאך רבי יוחנן, מוז מען זאגען אין די כוונה פונעם רמב"ם, אז רבי יוחנן איז געווען דער וואס האט מסדר געווען די ערשטע מהדורא פונעם תלמוד ירושלמי, אבער די תלמידים שפעטער האבן צוגעלייגט און דאס פארענדיגט. אזוי ווי מען מוז אויך זאגען ביים תלמוד בבלי, אז רבינא און רב אשי האבן נאר אנגעהויבן דאס צו שרייבן, און אנדערע האבן דאס צוגעענדיגט (אזוי נעמט אויך אן רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע אינעם הגהות הירושלמי פסחים פ"ז הי"א, עיין שם).

סיי "**תלמוד ירושלמי**" און סיי "**תלמוד בבלי**" זענען ביידע געבויעט אויף די משניות וואס זענען מיט יארן פריער מסודר געווארן דורך רבינו הקדוש, רבי יהודה הנשיא, און זענען איינגעטיילט אויפן די זעלבע סדר און מסכתות פון משניות. עס איז אונז אלעמען באקאנט פון אונזער לערנען גמרא תלמוד בבלי, אז אויף יעדע משנה איז צוזאמגענומען געווארן ברייתות מיט מימרות פון תנאים וואס זענען מפרש די משנה אדער קריגען זיך אויף איר; ערקלערונגען אויף די משנה מיט פסקי דינים פון אמוראים; הלכות אדער שאלות איבער וואס ווערט נישט דערמאנט אין די משנה, און פארהאנדלונגען פון שפעטערע אמוראים אין די רייד פון די ערשטע אמוראים.

אבער עס איז פארהאן א גרויסע אפשייד צווישן די געבוי פונעם תלמוד ירושלמי צום תלמוד בבלי. די ציל פונעם ירושלמי איז בעיקר צו ברענגען די הלכה למעשה. אין ירושלמי ווערט ווייניג געברענגט קשיות און פלפולים צווישן די אמוראים ביז מען קומט אן צו די הלכה - אין די צייט וואס תלמוד בבלי באשטייט פון קשיות וואס די אמוראים האבן זיך געפרעגט איינער אויפן אנדערן ביז די הלכה ווערט אויסגעקלארט (זעה בבלי סנהדרין כד, א: תלמידי חכמים שבארץ ישראל שמנעימין זה לזה בהלכה... תלמידי חכמים שבבל שמחבלים זה לזה בהלכה. וברש"י: מחבלים - בלשון עז וחמה מקשין זה לזה ובני ארץ ישראל נוחין יחד, ומעיינין יחד, ומתקן זה את דברי זה, והשמועה יוצאה לאור).

אין צוגאב האט דער **תלמוד ירושלמי** אן אנדערע שפראך ווי **תלמוד בבלי**. פאר אונז, וואס זענען געוואוינט צו לערנען בבלי, קען זייער שווער זיין צו לערנען ירושלמי, צוליב דעם וואס עס איז געשריבן אין א קורצע שפראך, און ווי אויך איז דער לשון און אויסלייג פון די ווערטער אנדערש, און זענען ווי פארגרייזט (זעה אין פני משה און קרבן העדה ווי זיי ערקלערן די סיבות דערצו).

א משל דערצו, זעהט מען אין בבלי מסכת בבא קמא דף ו עמוד ב, אז די גמרא שטעלט זיך אויף די לשון המשנה "כְּשֶׁהִזִּיק **חָב** הַמַּזִּיק", אז עס וואלט געדארפט שטיין "**חַיָּב** הַמַּזִּיק", און די גמרא ענטפערט "הַאי תַּנָּא יְרוּשַׁלְמִי הוּא, דְּתָנֵי לִישָּׁנָא קְלִילָא" - דער תנא פון די משנה איז א ירושלמי, וואס זיי האבן געלערנט אין א קורצער לשון.

מיט די צייט איז דער "**תלמוד בבלי**" געהויבן געווארן איבער דער "**תלמוד ירושלמי**", אז מען האט מער עוסק געווען צו לערנען בבלי. עס ווערט געברענגט עטליכע טעמים און סיבות, פארוואס "**תלמוד בבלי**" איז נאך בימים ההם געווארן אנגענומען מער פון "**תלמוד ירושלמי**". אויך האט מען שטענדיג גע'פסק'ט ווי דער בבלי, צוליב דעם כלל אז 'הֲלָכָה כְּבַתְרָאֵי' – די הלכה בלייבט אייביג ווי די שפעטערדיגע, ווייל זיי האבן דאך שוין געזעהן וואס די פריערדיגע האבן געזאגט און פונדעסטוועגן זענען זיי אנגעקומען צו זייער פסק.

אזוי ארום איז אויסגעקומען אז דער "**תלמוד בבלי**" וואס האט געהאט מער מענטשן וואס האבן דאס געלערנט, מפרש און מסביר געווען, איז אין איינוועגס אויך פארראכטן געווארן פון די פילע טעותים וואס זענען אריינגעפאלן אין די אלע העתקות וואס זענען געווען ביז מען האט דאס געהעריג געדרוקט (ווי מיר זעהן טאקע ווי רש"י איז מתקן א גירסא, הגהות הב"ח און נאך). אבער מאידך גיסא, דער "**תלמוד ירושלמי**" וואס איז ווייניגער געלערנט געווארן, האט זיך כסדר אריינגעכאפט נאך און נאך טעותים. אזוי אז די ירושלמי וועמענס שפראך איז שוין סיי-ווי-סיי אנדערש ווי די לשון פון בבלי איז צוליב די פארמערטע גרייזן און נוסחאות געווארן זייער שווער צו לערנען און פארשטיין. דערצו, איז נאך צוגעקומען פארשידענע מגיהים וואס האבן ביי יעדע שוועריגקייט זיך אליינס אונטער געגומען צו פאררעכטן לויט זייער פארשטאנד, אבער האבן אריינגעברענגט נאך מער צומישעניש פארן לערנער. אויף אזוי ווייט, אז דער רשב"א זאגט, אז אין תלמוד ירושלמי איז דא אזוי סאך טעותים אז 'אפשר' איין מענטש אין יעדע דור, קען באמת ירושלמי!

## מרא דכולא תלמודא

אונזער הייליגער רבי, כ"ק מרן אדמו"ר בעל מנחת אלעזר זי"ע, איז ווי באקאנט געווען דער שר התורה וואס האט געוועלטיגט אויף אלע טיילן פון תורה. אין צוגאב, איז ער אין זיין דור, אין זיין גאנצע סביבה, געווען דער יחיד ומיוחד, וואס האט אזוי געהארעוועט אויף "**תלמוד ירושלמי**", און גלייכצייטיג אריינגעברענגט צווישן זיינע תלמידים א רוח זיי זאלן דאס אויך לערנען.

פון זיינע תשובות, חידושי תורה און מאמרי חסידות, איז צום זעהן קלאר ווי קיין שום טייל פון די תורה הקדושה האט ער נישט ארויסגעלאזט פון זיינע הענט. אפילו דער "**תלמוד ירושלמי**" וואס איז - ווי געזאגט - זייער ווייניג געלערנט געווארן אפילו דורך תלמידי חכמים און גדולי תורה, טוט דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע גאר אפט ציטירן אין זיינע הייליגע ספרים.

מיר זענען אלע געוואוינט, אז ווען איינער מאכט א "סיום מסכת" איז דאס זיכער אויף א מסכת פון תלמוד בבלי. אבער

ביים הייליגען מנחת אלעזר זי"ע, ווען ער פלעגט ביומא דהילולא פון זיינע הייליגע אבות אפרעכטן א סיום מסכת, איז דאס אפט מאל געווען אויף א מסכת אין תלמוד ירושלמי ("די הייליגע צוואה" ביי סעיף טו און סעיף יט).

כאטש רבינו זי"ע האט שוין פון יונגערהייט געלערנט דעם תלמוד ירושלמי, האט ער אבער אין די שפעטערע תר"פ יארן, אויף זיך גענומען עוסק צו זיין און לערנען תלמוד ירושלמי, מיט א באזונדערע קביעות. פונקט ווי רבינו זי"ע האט געהאט טעגליכע שיעורים וואס ער האט געלערנט מסכתות הש"ס אין תלמוד בבלי, האט ער אויך אריינגעלייגט אין זיינע רעגלמעסיגע שיעורי תורה לערנען אויפן סדר א מסכת פון ירושלמי, בעומק ובעיון (ראה כוכבי יצחק חלק א בהקדמת המחבר).

זיין חשוב'ע תלמיד הרב ר' יצחק אדלער ז"ל הי"ד פארצייכנט אין "סדר שנה האחרונה" (פרק שביעי – חודש כסלו הערה סד) אן ערציילונג פון ווינטער תרצ"ד, און ער דערמאנט אז אין יענע צייט האט רבינו זי"ע געלערנט יעדן אינדערפרי זייענדיג אנגעטוהן אין די ביידע פאר תפילין – רש"י און רבינו תם – אינאיינעם, א קביעות'דיגען שיעור אין תלמוד ירושלמי, און ער האט דאן געהאלטן ביי מסכת חגיגה.

## שרייבן די הגהות אויף ירושלמי

זיין חשוב'ע תלמיד הגאון רבי יצחק שטערנהעלל זצ"ל, בעל כוכבי יצחק - באקאנט אלס "רבי איטשע צאנזער" - פארציילט (שם), אז די תלמידי הישיבה האבן אין יענע יארן געהאט די זכיה, אז רבינו זי"ע פלעגט - מיט זיין גרויס עניוות - פארלייגען פאר די בחורים זיינע שוועריגקייטן און באמערקונגען וואס עס איז איהם אונטערגעקומען ביי זיין טעגליכן שיעור אין תלמוד ירושלמי, און דער גרויסער רבי האט זיך אראפגעלאזט איבערשמועסן זיינע תורה געדאנקן מיט זיינע יונגע תלמידים. [אגב, רבי איטשע צאנזער פארציילט דארט, אז אט דאס האט ביי איהם זעלבסט ערוועקט די שאיפה, פון אליינס ארויסגעבן א חיבור אויפן ירושלמי, וואס איז ערשינען מיט יארן שפעטער שוין זייענדיג אין אמעריקא.]

אזוי איז רבינו זי"ע אנגעקומען צו גיין שרייבן נאך א פרישער חיבור, א ספר פון הגהות און חידושים אויף "**תלמוד ירושלמי**".

רבינו שליט"א פארציילט, אז די סדר פון שרייבן דעם ספר, איז געווען (אויפן זעלבן גאנג ווי דער ספר נימוקי אורח חיים, ווי געשריבן אין מאמר א), אז בשעת'ן לערנען האט ער צום ערשט גלייך פארצייכנט זיין חידוש אדער הערה אינעם ספר זעלבסט, אינעווייניג אויפן זייט פונעם דעקל, ממש גאר אין קורצן, אפט מאל בלויז אין געציילטע ווערטער, און נישט מער ווי א שורה-צוויי, כדי נישט ווערן געשטערט פון זיין קביעות'דיגען שיעור אין די מסכת.

ערשט שפעטער, האט רבינו זי"ע מקדיש געווען א באזונדערע העפט, ווי דארט האט רבינו זי"ע איבערגעשריבן אויספירליך די אלע רשימות, אויף אן אופן וואס דאס זאל זיין געאייגענט צו דריקן אלס א ספר. נאך יעדע חידוש אדער הערה וואס רבינו זי"ע האט מעתיק געווען אין דעם העפט, האט ער דאס אויסגעשטראכן אלס סימן אז דאס איז שוין אינעם חיבור (זעה בייגעלייגטע בילדער).


סדר
נזיקין
בבא קמא בבא מציעא בבא בתרא
סנהדרין מכות שבועות עדיות הוריות נדה
מן
תלמוד ירושלמי
בזיטאמיר
תרכה
1865

"תלמוד ירושלמי" פונעם חשוב'ן זיטאמיר-סלאוויטא דרוק, מיט די זיגלעך פון רבותינו הקדושים מרן בעל דרכי תשובה זי"ע ומרן בעל מנחת אלעזר זי"ע, וואס דערין האט רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע פארצייכנט ביים לערנען זיינע הגהות

## די סיום אויף תלמוד ירושלמי מיט די הגהות

רבינו זי"ע האט מסיים געווען דעם גאנצן חיבור, ענדע יאר תרצ"ו. עס דערציילט הגה"צ רבי שלמה צוקער זצ"ל אב"ד

# זיך אפגעגעבן מיטן דרוקן מיט עקספערטיז און געווארנטקייט

אין די מכתבי קודש פון רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע איבערן דרוקן דעם "הגהות הירושלמי" אין ירושלים עיר הקודש, זעהן מיר ווי אזוי רבינו זי"ע האט זיך אליינס אפגעגעבן מיט אלע פרטים וואס נוגע צום דרוקן, די מאס, די פאפיר, די אותיות, פרייזן און אזוי ווייטער, און עס איז צו שטוינען זיין גרויס עקספערטיז און געווארנטקייט.

איבער דאס אויסזעהן פונעם ספר בכללות שרייבט רבינו זי"ע אז ער וויל עס זאל זיין "תמונתו באורכו וברוחבו כמו הספר דברי תורה כל המהדורות (ובאחרונה ז-ח-ט), וגם לרבות שארי חיבורינו וחיבורי טהרה של אאמו"ר הק' זי"ע", "וגם חמשה מאמרות וכיוצא", וואס דאס איז "בתבנית שמינית (לא פחות ולא יותר אפילו צענטימעטער)".

ווען דער ספר איז נאך געווען אין זיין האנטשריפט, האט שוין רבינו זי"ע געוואוסט צו משער זיין אז דער געדרוקטער ספר וועט באשטיין פון "בערך עשרה בויגן" - צען בויגענס, וואס א יעדעס איינע באשטייט פון 16 עמודים. איבער די קוואליטעט פונעם פאפיר וואס ער וויל האבן פארן ספר, שרייבט רבינו זי"ע: "הנייר יהיה עב לא פחות מהנייר של שו"ת בני ציון... לא דק ממנו". רבינו זי"ע טוט אויך אנמערקן, אויב וועט דער דריקער נישט האבן אין 'סטאַ"ק' פאפיר פון דעם אנגעגעבענעם מאס און סארט, "יוכלו להכין על ידי טעלעגראם להפאבריק שיבא בתוך חודש ימים בערך".

איבער די צאל פון ספרים צו דרוקן, שרייבט רבינו זי"ע אז ער וויל טויזענט 'עקזעמפלארן' (קאפיע"ס), און ער לייגט צו אז ביי אונז - דאס הייסט אין זיין מדינה - איז איינגעפירט אז דער דרוקער לייגט צו נאך פופציג איבריגע, צוליב דעם וואס עס קען זיך מאכן בויגנס וואס זענען געשעדיגט און אומנוצבאר.

איבער די סטיל און מאס פון די אותיות שרייבט רבינו זי"ע: "ויהיה נדפס באותיות רש"י ממוצעים (בין הגדולים) ורק הדיבורי המתחיל (לפעמים שורה אחת) מלשון הירושלמי באותיות מרובעות".

רבינו זי"ע בעט מען זאל ביי אלע דרוקערס אין ירושלים זיך נאכפרעגען אויף א פרייז, וויפיל עס קאסט א בויגן צו דרוקן. דערביי טוט ער קלאר שטעלן, אז אויב די פרייז אין ירושלים וועט זיין מיט 40 טשעכישע קרוינען מער פאר יעדע בויגען ווי די פרייז פון די דרוקעריי אין מונקאטש, וועט ער נישט פארשווענדן קיין געלט, און ער וועט דאס דרוקן אין מונקאטש. "כי זה המעות הוא מעות מעשר שנותן תלמיד חכם אחד (שאינו עשיר) מתלמידנו החביבים שליט"א, ומובן ממילא כי אין להפריז ולפזר הרבה". אויך די קאסטן פון מגיה זיין, זאל זיין אריינגערעכנט אינעם פרייז פונעם דרוקן, שרייבט רבינו זי"ע.

איבער א געוויסער דרוקער שרייבט רבינו זי"ע "אם הוא מהחפשיים" - אויב דער איז פון די פרייע אידן, וועט ער מקיים זיין דעם פסוק "או קנה מיד עמיתך (ביראת אלקים)" - צו דרוקן ביי איד וואס איז א ירא שמים. ווען איינער האט איהם געגעבן א פרייז פון דרוקן וואס אין דעם איז נישט איינגערעכנט די קאסטן פון די פאפיר, טוט זיך רבינו זי"ע זייער וואונדערן דערויף, "זהו מהדברים שאין להם שיעור, ולא אדע ואבין מאומה".

רבינו זי"ע בעט אויך, אז אויסער דעם פרייז זאל דרוקער אויך דערקלערן ווען ער קען אנהויבן דאס דרוקן, און וויפיל בויגענס ער וועט דרוקן יעדע וואך, און ער באטאנט אז מען קען איהם אפילו שיקן דעם פרייז "במעות אנגלי' (פלשתינה - א"י)", דאס הייסט אין די ענגלישע וואלוטע וואס איז דעמאלטס געווען אין ארץ ישראל.

צום אויספיר, וועלן מיר אראפברענגען א סיפור וואס רבינו זי"ע פלעגט פארציילן:

אמאל איז געווען א דין תורה צווישן צוויי גרויסע האלץ סוחרים, ביים הייליגען קדושת לוי זי"ע. ווען איין צד האט געזעהן א זער פארלירט, האט ער זיך אנגערופן צום קדושת לוי: אפשר פארשטייט נישט אזוי דער רב אזעלכע געשעפטן? האט איהם דער קדושת לוי געענטפערט מיט א שמייכל: ווען עס זאל זיך האנדלן אין מילי דשמיא קענט איר אפשר בעסער פון מיר, אבער אין מילי דעלמא - געשעפטס ענינים - דארט בין איך אינדערהיים, דאס פארשטיי איך שוין בעסער פון אייך...

האלאס אין זיין קונטרס "זכר צדיק לברכה" (אות ה), אז ער האט זוכה געווען צו זיין אין מונקאטש, בצל קדשו פון רבינו זי"ע, אויף שבת קודש פרשת כי תבוא תרצ"ו. יענעם מוצאי שבת קודש האט רבינו זי"ע געפראוועט א סעודת מלוה מלכה מיטן עולם, לכבוד די סיום – צום פארענדיגען גאנץ תלמוד ירושלמי אינאיינעם מיט זיינע הגהות דערויף.

## אינהאלט פון דעם ספר

דער ספר "**הגהות הירושלמי**" איז א חיבור מיט א גאר רייכער און פילפארביגער אינהאלט.

צום אלעמען ערשט באשטייט דער ספר פון שוועריקייטן וואס רבינו זי"ע טוט אנמערקן אינעם עצם סוגיא פונעם ירושלמי, אדער אויף פירושי המפורשים מיט וואס טוען נישט באפרידיגען דעם פשוט'ן פשט אין ירושלמי, און רבינו זי"ע טוט בדעתו הגדולה מחדש זיין און אויסקלארן דעם ריכטיגען פירוש און מהלך אין די סוגיא.

לגבי די פילע גירסאות וואס די מפורשים פאררעכטן און פארבעסערן אינעם לשון הירושלמי, שרייבט רבינו זי"ע (מסכת כלאים פרק א הלכה ו): "**אם כי בירושלמי הוא דבר השכיח ונהוג מכל המפורשים בכל עמוד ועמוד ובכל ענין לעשות גירסא וטעות סופר, כי באמת נשתבשו מאוד מהמעתיקים עד אין שיעור, אמנם אני בעניי הנני מיראי המגיהים**" – כאטש עס איז זייער שכיח און איינגעפירט צו שאפן א נייע גירסא אינעם ירושלמי ווייל עס האט באמת אן א שיעור גרייזן, איז ער זעלבסט פון די וואס ציען זיך צוריק פון גיין שנעל מעקן און מגיה זיין, נאר ער פרובירט וואס ווייניגער משנה זיין דעם לשון וואס איז געדרוקט.

נישט אלעמאל קען אן ערקלערונג פון "פשט", באפרייען א סוגיא פון אומפארשטענדענישן. עס וועט זיך טרעפן אז רבינו זי"ע וועט איבערלאזן דעם דרך הפשט, און דאס ענדערש מפרש זיין על דרך הרמז והסוד. ווי עס איז די שטייגער פון רבינו זי"ע אין אלע זיינע ספרים, אז עס איז נישט פארהאן קיין שום מחיצה צווישן תורת הנגלה און תורת הנסתר, ווייל אלעס איז איין תורה. אט איז לשון קדשו ביי מסכת חלה (פרק א הלכה ו): "**יותר מובן לומר שהרמז והכונה נכנס במקום הפשט, וכהנה עוד בכמה מקומות בדברי רז"ל ובבלי וירושלמי, שבעל כרחך אין פירוש מספיק להדברים רק על פי סוד, וכמו שכתבנו בחיבורינו בעזרת השם בכמה דוכתי**".

על דרך זה אין מסכת שקלים (פרק ו הלכה ה) ווי אויף פארשידענע זאכן וואס האבן א געוויסע צאל, זאגט די ירושלמי אקעגען וואס דער נומער איז מרמז, שרייבט רבינו זי"ע: **ופן ישאל ויקשה הסכל, וכי הירושלמי ספר קבלה ורמז הוא שצריך כונה לכל מספר, והלא נגלות הוא להלכה? אך היינו דאמרן בכמה דוכתי בחיבורינו בעזרת השם יתברך, כי כל דברי חז"ל הנגלות כגחלי אש, טובא גניז בגוייהו אש קודש סודות ורמזים בכל תיבה ואות**".

פארשידענע הלכות אין ד' חלקי שלחן ערוך וואס האבן נישט קיין קלארע מקור אין תלמוד בבלי, טוט רבינו זי"ע אנווייזן אז די שורש דערפון איז אין תלמוד ירושלמי. פון עטליכע סוגיות אין ירושלמי בויעט רבינו זי"ע גרויסע הלכה שמועסן, וואס טייל דערפון צייכנט ער צי אז ער האט דאס שוין ערוועגט אין זיינע אנדערע חיבורים.

אזוי אויך מנהגים פון חסידים, סיפורים און מאמרים וואס זענען מקובל פון רבינו הבעל שם טוב זי"ע ותלמידיו אחריו, טוט רבינו זי"ע אנצייכענען ווי זיי האבן א מקור אין ירושלמי, אזוי ווי עס איז זיין דרך אין זיין גרויסן הייליגען ספר "דברי תורה".

אין צוגאב צו דעם אלעם זענען דא אן ערך פון צוואנציג

## שמועות מפיו

**שרייבנדיג איבער דעם ספר "הגהות הירושלמי", ווילן מיר נאכברענגען גאר אינטרעסאנטע "שמועות מפיו" פונעם הייליגען בעל ההילולא, מרן בעל מנחת אלעזר זי"ע, ציטורט פונעם ספר. די "שמועות מפיו", הנחמדים מזהב ומפז רב, זענען אפשר נישט אזוי שטארק באקאנט צווישן אנ"ש וואס דערקוויקן זיך מבאר תורתו און דערווארימען זיך לאורו הגדול, צוליב דעם וואס מען לערנט נישט אזוי אפט דעם ספר וואס איז געשטעלט אויף "תלמוד ירושלמי". עס וועט געוויס זיין אן הנאה פאר תלמידים וחסידים זיך צו באקענען מיט א חלק פון אט דעם תורת ארץ ישראל פון רבינו זי"ע, בפרט ביומא דהילולא דיליה.**

הגהות, וואס זענען ממש נאר קורצע שטיקלעך, זיי באשטייען פון מראה מקומות און השוואות צו תלמוד בבלי. דאס טוט משלים זיין די ארבעט פון די בארימטע גאונים, רבי מרדכי זאב איטינגא און זיין שוואגער רבי יוסף שאול נאטאנזאהן זצ"ל, בעלי "מפרשי הים", וועלכע האבן אויפן תלמוד ירושלמי מחבר געווען אויפן גליון ציונים און מראה מקומות אויפן סטיל פונעם "מסורת הש"ס" און "עין משפט" וואס איז דא אויף גאנץ תלמוד בבלי. דארט ווי זיי האבן אויסגעלאזט אדער פארזעהן, האט רבינו זי"ע דאס צוגעצייכנט ביי זיך, מיט זיין גרויס בקיאות אין גאנץ ש"ס.

## דרוקן דעם ספר

אינמיטן ווינטער שנת תרצ"ו, האט רבינו זי"ע אנגעהויבן נעמען שריט צו פארווירקליכן אז זיין ספר "**הגהות הירושלמי**" זאל שוין געדרוקט ווערן. כאטש רבינו זי"ע האט געהאט אנדערע ספרים - צוויי נייע חלקים שו"ת מנחת אלעזר און נימוקי יורה דעה - וואס זענען געלעגען פאר איהם ביים שטאפל אז מען זאל דאס אנהויבן צוגרייטן צום דרוק, האט ער בוחר געווען אז פאר זיי אלע, זאל מען שיקן דרוקן דעם ספר "**הגהות הירושלמי**". אין צוגאב, האט רבינו זי"ע געהאט אן ענין אז אט דעם ספר "**הגהות הירושלמי**" זאל דייקא געדרוקט ווערן בחצרות בית ד' בתוככי ירושלים עיר הקודש.

רבינו זי"ע האט זיך איבער דעם ענין געוואנדן אין א בריוו - דאטורט "**אור ליום ו' ערב שבת קודש [יתרו] לסדר והייתם לי סגולה תרצ"ו**" - צו הגאון רבי דוד שפירא זצ"ל, בעל שו"ת בני ציון, מגדולי חסידי מונקאטש און פון די חשוב'ע אויסגערופענע תלמידי חכמים אין ירושלים עיר הקודש (געדרוקט אין אגרות שפירין מכתב רג).

רבינו זי"ע שרייבט צו איהם בלשון קדשו: **הן ידידי יקירי! דבר נכבד וגדול לי אליך** – מיין טייערער ידיד, איך האב פאר דיר פארצולייגען א גע'עהרטע און גרויסע זאך! און ער דערציילט אז אט גרייט ער זיך צו דרוקן בעזרת השם יתברך זיין חיבור "**הגהות הירושלמי**" וואס אט אין די טעג טוט מען פארענדיגען דאס מעתיק צו זיין. "**ומטעמים הכמוסים אתי רצוני להקדימו בדפוס מיד**" – און צוליב טעמים וואס זענען ביי מיר באהאלטן וויל איך דאס פעדערן צו דרוקן שוין יעצט, נאך איידער איך וועל דרוקן מיין חיבור נימוקי יורה דעה און אויך שו"ת מנחת אלעזר חלק ה און חלק ו וועלכע זענען צוויי גרויסע בענדער "**בכמות ובאיכות, ונפלאים מאוד בחסדו יתברך שמו**". און אט דער "**הגהות הירושלמי**" איז וואונדערליך און גרויס אין זיין 'איכות' (- קוואליטעט), כאטש וואס (לפי ערך) איז עס קליין אין 'כמות' (- קוואנטום).

דערביי שטעלט פאָר רבינו זי"ע אלע פרטים ווי אזוי דאס ספר זאל געדרוקט ווערן, און איבער די הוצאות וואס דאס וועט קאסטן.

שפעטער אינעם זעלבן יאר, ענדע חודש מנחם אב, ווען רבינו זי"ע האט געוויילט אינעם באד טרענטשין-טעפליץ (זעה ווייטער די 'אינטערוויו' וואס איז פארגעקומען באותו עת), האט ער ווידעראמאל אויפגעברענגט דאס דרוקן דעם ספר "הגהות הירושלמי". אין א בריוו געשריבן יום ב' פרשת ראה תרצ"ו, קיין ירושלים עיר הקודש, צו הגה"צ רבי אשר זעליג מרגליות זצ"ל (געדרוקט אין אגרות שפירין מכתב קצג), שרייבט רבינו זי"ע צווישן אנדערע ענינים: **ואם להדפיס ולהפיץ חידושי תורה, יש לי בעזרת השם יתברך נחוץ להדפיס "הגהות הירושלמי" (אולי אדפיס אי"ה בירושלים על ידכם בתחלת שנת תרצ"ז הבעל"ט), ומלבד שני חיבורים הגדולים שו"ת מנחת אלעזר חלק ה' ולחלק ו', הגדולים מאוד בכמותם, ונפלאים באיכותם, בחסדי השם יתברך... אם יהיה ד' עמדי בודאי לטובה.**

## "נחוץ לזמנו וליומו"

אבער דאס דרוקן דעם הגהות הירושלמי אין ירושלים עיר הקודש, איז נישט אזוי שנעל פארווירקליכט געווארן. העכער א יאר שפעטער, פון ווען רבינו זי"ע האט זיך צום ערשטן מאל געוואנדן דערוועגען צו הגאון רבי דוד שפירא זצ"ל, האט ער אין חודש אדר תרצ"ז, זיך ווידער געוואנדן צו איהם, כדי דאס אויסצופירן ווי שנעלער.

### ליזהר מדיבור לשון העמים עם הבנים והבנות

**דתני רבי שמעון בן יוחאי בו ביום גזרו... על לשונן. פירוש הקרבן העדה שלא ירגיל אדם עצמו ובניו לדבר בלשון עכו"ם, עד כאן לשונו... ועינינו רואות בחוש, כי מה שמדברים לשון העמים עם הבנים, ובפרט עם הבנות בביתו, זהו גורם הרבה להתבוללות והירוס הדת, על דרך הכתוב (תהלים קו, לה) ויתערבו בגוים (בלשונותם בגוייהם) וילמדו מעשיהם. ואם כי הוא רק לדעת רשב"י מהי"ח דבר... והרמב"ם לא חשבו להלכה מי"ח דבר, מכל מקום כל מי שיראת אלקים נוגע בלבבו יחוש לעצמו ולבני ביתו ליזהר מזה, ועל ידי זה יגדלם ליראת אלקים ולתורה וחופה ומעשים טובים מתוך כל טוב סלה. ומה עמקו דברי חז"ל זי"ע.**

הגהות ירושלמי מסכת שבת פ"א ה"ד ד"ה ועל לשונן

### שלא לאכות פת חמה מטעם סכנת חולי

**תמן אמרין פת חמה חמתה בצדה. פירש הקרבן העדה: חמתה - חולי המחמם הגוף, בצידה - שוכן אצלו, כלומר מיד כשאוכל פת חמה יבא עליו החולי ההוא, והוא מין קדחת, עד כאן לשון הקרבן העדה. ומה נעמו ויקראו דברי חכמינו ז"ל ממולאים בכל מיני חכמות וידיעות, כי את אשר יאמרו הרופאים בספריהם בימינו ויזהירו מאד שלא לאכול פת חמה עוד מאפייתה, כי ממנו יכול לבא ח"ו מחלת הטיפו"ס, שהוא המחמם הגוף ביותר בחום גדול, שהוא מין קדחת, והוא על ידי הבאציללען שקראום הרופאים, וזהו כמבואר לעיל המה הזהירו על ככה עוד בימיהם בקדושת חכמתם. והנה... בש"ס שבת (קי"ט ע"ב): ופת חמה במוצאי שבת מלוגמא (פירש רש"י: רפואה). בעל כרחך צריך גם כן לפרש כן היינו חדשה שאפאוה**



די אנהויב בלעטל - אונטערן דעקל - פונעם "תלמוד ירושלמי"
ווי רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע האט גלייך ביים לערנען פארצייכנט זיינע הגהות

במוצאי שבת, ולא ישנה מערב שבת, אבל לא שהוא כרותחין, דאז אינה לרפואה כנזכר.

הגהות ירושלמי מסכת שבת פ"א ה"י

## יכולין לכתוב תוארים "איש אלקים" או "מלאך ד'", אבל לא תואר "דמי לבר א-להין"

**דמי לבר א-להין. (גירסת הקרבן העדה:) אמר רבי ראובן, באותה שעה ירד מלאך וסטרו לההיא רשיעה על פיו. אמר ליה, תקין מיליך, ובר אית ליה (להקדוש ברוך הוא, בתמיה). חסר ומר בריך אלההון די וכו', ושלח מלאכיה וכו', ולא כתיב עוד בר א-להין (קרבן העדה).**

מכאן נראה, שצריכין ליזהר שלא לכתוב תואר (על צדיק וקדוש וכיוצא) "דמי לבר אלהין", כיון שזהו לשון של הרשע נבוכדנצאר ובא מלאך וסטרו על פיו על ככה, ונחשב לעון כנזכר. ויכולין לכתוב (על הגדולים הראויים) "איש אלקים" או "מלאך ד'", כיון שמצינו שתארם הקדוש ברוך הוא לנביאיו בתוארי כבוד כאלו, וכמו (במדבר כ', ט"ז) וישלח מלאך (זה משה) ויוצאנו ממצרים, וכן בנביאים (דברי הימים ב' ל"ו, ט"ז) ויהיו מלעבים במלאכי האלקים (אלו הנביאים וצדיקים). והגם שמצינו כזה (בזוהר הקדוש ח"ב רו, א) בנוסח בריך שמיה, ולא על בר אלהין סמיכנא, היינו המלאכים, הרי דקרי להמלאכים בשם כזה. וכן כמו שכתוב בבראשית (ו, ד) אשר יבאו בני האלקים (המלאכים הידועים). מכל מקום טוב ליזהר שלא לכתוב או לקרות כזה, מטעם דברי הירושלמי אלו.

[ועיין מה שכתבנו בעזרת השם יתברך בדברי תורה מהדורא ו' אות פ"ט.]

הגהות ירושלמי מסכת שבת פ"ו ה"ט

לא ימוש ספר התורה הזה מפיך והגית בו

**עצתי ובקשתי לקבוע עתים בכל יום, או לכה"פ מדי שבת בשבתו, ללמוד בספרי רבוה"ק זי"ע, שהלימוד בהם היא טעימה מאילנא דחיי ובהם יפקון מן גלותא ברחמאי.**

ממכתב קודש לקראת ב' סיון ה'תשס"ח







# גרויסארטיגע ספרים סעיל

ממחרת ב׳ סיון

זונטאג פרשת נשא

פון 3:30 ביז 5:30 נ.מ.

5202 13th Ave.

הוצאת אומץ

אור תורה מונקאטש

minkatch.org

אין די צייט וואס רבינו זי"ע איז שוין געלעגען אין שפיטאל מיט גרויסע יסורים ר"ל, אוועק פונדערהיים, אין די שטאט פעסט, געציילטע טעג פאר זיין לעצטן פורים אויף די וועלט, האט ער ווידער אפגעשריבן א פאסט-קארטל קיין ירושלים עיר הקודש בעטנדיג זיין געטרייען חסיד הגאון רבי דוד שפירא זצ"ל ווידער צו טוהן איבער דעם ענין פון דרוקן דעם הגהות הירושלמי אין ירושלים, שרייבנדיג אז דאס איז אן ענין וואס איז אצינד וויכטיג - "**נחוץ לזמנו וליומו**".

אין דעם עפענונג פונעם בריוו, דערציילט רבינו זי"ע איבער זיך אליינס "**והנני נוסע אי"ה ביום ג' הבעל"ט לביתי להיות כל איש שורר בביתו בימי הפורים הבעל"ט**", ווען זיינע אויגען זענען געווענדן צום אויבערשטן "**והעיקר אשר יתברך שמו כביכול יהיה שורר וישוב ברחמים לביתו, כיעקב שקראו בי"ת, בביאת גואל צדק במהרה בימינו, ומחיית עמלק מתחת השמים במהרה בימינו בכל הפירושים**".

רבינו זי"ע שרייבט אז דערוויל איז איהם עטוואס גרינגער געווארן די יסורים, מען גייט איהם מיטגעבן רפואות אויף אהיימצונעמען, אבער ער באטאנט אז אפשר וועט ער זיך נאך דארפן צוריקקערן אהער קיין פעסט גלייך נאך פורים אויף א וואך אדער צוויי, ווען זיין האפענונג איז שטארק אז "**ביני לביני ישלחו הרפואה מן השמים בכלל כל ישראל**".

ווי עס איז באקאנט, איז רבינו זי"ע אנהויב וואך גלייך נאך פורים, שוין צוריק געפארן קיין פעסט ארומגענומען מיט שווערע און ביטערליכע יסורים. פון דארט איז ער ערשט צוריקגעקומען אהיים ממש פארן יום טוב פסח, ווען ער איז שוין ליידער געווען צוגעשמידט צום קראנקן בעט, פון וואס ער האט זיך שוין קיינמאל נישט ערהוילט ביז זיין הסתלקות לחיי עולם הבא (זעה תולדות רבינו פרק ששה עשר - אשכבתיה דרבי אות רמח און ווייטער, סדר שנה האחרונה השלם פרק תשיעי - המשך חדשי החורף אות י און ווייטער).

אזוי ארום, איז דאס דרוקן דעם "הגהות הירושלמי" אין די הייליגע שטאט ירושלים אראפגעגאנגען פונעם סדר היום, דער הייליגער רב זי"ע איז געווארן זייער אפגעשוואכט, און יעדער ארום איז געווארן פארנומען מיט מתפלל זיין און זארגען פאר די רפואה שלימה פונעם רבן של ישראל זי"ע. אינצווישן האט זיין הייליגע נשמה פארלאזט די וועלט, אינעם יום המיוחס – ב' סיון תרצ"ז.

## ביים שוועל פונעם ענדע

אין די צייט וואס די שווארצע וואלקענעס זענען שוין געווען גאר נאנט איבער די שטאט מונקאטש, און די פולווער פון די צווייטע מלחמה האט זיך שוין געשפירט אויף איבעראל, איז דאס דרוקן דעם ספר "הגהות הירושלמי" ווידער ארויפגעקומען אויפן סדר היום.

"די אלטע רביצין" הרבנית הצדיקת רחל פערל הי"ד, מחברתו הטהורה פון רבינו זי"ע, מיט הילף פון די נאנטע שטוב-מענטשן, איז מיט א פעסטקייט אנגעגאנגען מיט די עבודת הקודש אויסצופירן די פארלאנג פון רבינו זי"ע אין זיין צוואה (סעיף כ), אז אלע זיינע ספרים זאלן ווי פריער געדרוקט ווערן, וואס צווישן זיי ווערט דערמאנט דעם ספר "הגהות הירושלמי".

אזוי שפעט, ווי אינמיטן חודש אדר שנת תש"ד, בלויז עטוואס מער ווי א חודש איידער דעם ביטערן טאג, כ"ה לחודש ניסן שנת תש"ד, ווען אין די שטאט מונקאטש איז אויפגעשטעלט געווארן די אידישע געטאו דורך די פארשאלטענע דייטשן ימ"ש; ווייניגער ווי דריי חדשים אפגערוקט פונעם ביטערן טאג ב' סיון – ווען אלע פארבליבענע מונקאטשער אידן זענען געפירט געווארן קיין אוישוויץ על קידוש שמו יתברך; איז נאך הרב החסיד רבי משה גאלדשטיין הי"ד געווען פארנומען אז דער ספר "הגהות הירושלמי" זאל שוין גענומען ווערן צום דרוק.

### רב העיר הולך לנקיית הריחיים לפסח ומשגיח על הטחינה

**ר' חיננא בר פפא אזל ליה גבי טחונייא. (פירש הקרבן העדה: אזל ליה בעצמו גבי הרחיים לראות ולהזהירם שישמרו מחימוץ, עד כאן לשונו. וכן פירש הפני משה, שהלך לבדוק הרחיים ולהזהירם שם שלא יכשלו באיזה דבר).** ומכאן נראה לי שורש ומקור המבואר בשלחן ערוך (אורח חיים סימן תנ"ג סעיף ח') שהולכים לנקיית הרחיים, והמגן אברהם שם (ס"ק י"ב) כתב שהולכים אנשי מעשה בעצמם, משום דמצוה בו יותר מבשלוחו. אך לפי זה המקור בירושלמי, ומכאן המנהג אשר רב העיר (שעליו מוטל להזהיר על כל מילי דאיסורא) הולך לנקיית הרחיים בתחלתן. ובספר תוספות ירושלים (בהלכות פסח שם) העיר על זה מהך דלהלן בסמוך (בירושלמי) ר' יוסי ב"ר בון טחן ליה צרף, ולא הביא מזה שהוא ראיה ושורש יותר למה שהולכים לנקר ולהשגיח על הרחיים בהטחנו, ומעמידים שם אחר הליכת הרב, נאמנים (בפקודת הרב) בכל זמן הטחינה כנהוג.

הגהות ירושלמי מסכת פסחים פ"ג ה"א

### גם מטעות בתפלה יוכל לצמוח מליצת זכות לישראל

**כיצד היו כורכין את שמע וכו', אלא שלא היו מפסיקין בין תיבה לתיבה.** פירש הקרבן העדה: בין שמע ישראל לד', דמשמע שאמר לה' שישמע ישראל ויענם, וכן צריך להפסיק בין אלקינו לה', כי היכי דנשמע 'שמע ישראל' כי 'ה' אלקינו' הוא 'אחד', עד כאן לשון הקרבן העדה. ולכאורה קשה, דבאמת אם כן למה הוא מהג' שלא מיחו בהן כשלא דקדקו בסידור התיבות, והיה משמע שאמר לה' שישמע ישראל ויענם, וזה אינו הפירוש



א בלעטל פונעם ספר הגהות הירושלמי אין די הייליגע האנטשריפט פון רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע

הנכון והפשוט. ובשלמא מה שלא אמרו 'ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד', דהינו שהיו כורכין (לחד פירוש, את שמע, ואף על פי כן לא מיחו בהן, יש לומר כמו דאמרו בבבלי בזה (דף נ"ו ע"א) 'ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד' היכי ניעביד, נימרינהו, לא אמרו משה וכו'. על כן אנשי יריחו היו סוברים הקא סלקא דעתם בזה ושב ואל תעשה עדיף שלא לאמרו, על כן לא מיחו בהן, אבל אם הפירוש דכורכין את שמע כנזכר לעיל, שלא דקדקו בסידור התיבות כפירוש הקרבן העדה כנזכר, קשה למה לא מיחו בהן.

ויש לומר על פי הנודע בספר באר משה (רמזי שמיני עצרת) על מה שאירע לרבינו הבעל שם טוב הקדוש זי"ע בעת תענית עצירת גשמים, שראה הבעל שם טוב שנענו על פי בכיית עם הארץ בעת אמירת 'ועצר את השמים' [שהשם יתברך יעצור ויסחוט את השמים העליונים, על דרך עצירת הזתים והענבים, אז] 'ולא יהיה מטר' [כלל למעלה בשמים כי אם שירד למטה הכל לארץ] וכו' (אם כי באמת לא היה הפירוש כנזכר לעיל כפי כונתו), וכנודע.

וכן בזה יש לומר למליצת זכות בעד כלל ישראל, שעל כן לא היו מוחים בידם כי אם יהיה משמע (בטעות) להשומע סידור הדברים הכונה שה' אלקינו ישמע לקול שועתינו, כנזכר לעיל מהקרבן העדה. הגם שלא יכלו לדמות זה להמעשה ד'ועצר את השמים' וגו' כנזכר לעיל, דהכא הוא בפסוק ראשון - שאם לא כיון (כפשוטו) הרי זה לא יצא כדפסקינן להילכתא, מכל מקום לא היו מוחין בידו, כי גם להשומע וטעה יכול לצמוח מליצת זכות.

והשם יתברך השומע תפלת כל פה, ישמע לקול ישראל בכל משאלות לבינו, במהרה בימינו:

הגהות ירושלמי מסכת פסחים פ"ד ה"ט





**א בלעטל פון "הגהות הירושלמי"
אין די העתקה מיט די הערליכע קלארע
האנטשריפט פון רבי יצחק אדלער הי"ד**

אין א בריוו געשריבן "**ב' ויקהל פקודי [י"ח אדר] תש"ה, מונקאטש**" אויפן רב'ס-דרוקסארט, טוט זיך רבי משה גאלדשטיין ווענדן צום פריערדערמאנטן תלמיד חביב פון רבינו זי"ע, דער גאון הרב ר' יצחק שטערנהעלל, אז ער זאל שוין אריבערשיקן די העתקות פון הגהות הירושלמי קיין מונקאטש – "**ימחול לשלחו תיכף ומיד בלי איחור**", ווייל די באגער פון "הרבנית הצדיקת תחי'" [הי"ד] איז, אז דאס זאל יעצט צום ערשט גלייך געגעבן ווערן צום דרוק. דאס הייסט, אז דאס זאל האבן א דין קדימה פאר די אנדערע ספרים וואס זענען געווען בכתב יד קודש, ווי דריי פרישע בענדער פון שו"ת מנחת אלעזר - חלק חמישי, ששי און שביעי, נימוקי יורה דעה און נאך.

אין יענע צייט איז אויסדערוועלט געווארן דער אויבנדערמאנטער חשוב'ער תלמיד פון רבינו זי"ע הרב ר' יצחק אדלער הי"ד וועלכער האט דאן געוואוינט אין בערעגסאז, זיך אפגעגעבן מיט איבערגיין די כתב יד קודש פון "הגהות הירושלמי". יעדע חידוש האט ער גרינטליך דורכגעלערנט, און דענאך איבערגעשריבן מיט זיין שיינע קלארע האנטשריפט. ער האט פילע כוחות און לאנגע שעות אריינגעלייגט ארויסצוגעבן א הערליכע ארבעט, כדי מען זאל דערפון קענען דרוקן דעם ספר.

ווען רבי יצחק האט פארענדיגט זיין געלונגענע ארבעט, האט ער דאן אפגעשיקט די העתקות פון סדר זרעים קיין פעסט, ווי דארט האט רבי יצחק שטערנהעלל זיך אפגעגעבן מיט דאס מגיה זיין.

די כתב יד קודש פון הגהות הירושלמי, איז אין בערעגסאז; די צעטלעך פארן דרוקער זענען שוין אויך גרייט; סדר זרעים איז אין פעסט מיטן ציל דאס זאל אנקומען קיין מונקאטש; אין מונקאטש גופא איז מען שוין גרייט דאס זאפארט אריינצוגעבן צום דרוקער; אבער דאן איז די וועלט געקומען צו אן ענדע...

## מקור להסמיך בכתב הורמנא או התרת הוראה

**ובכתב בית ישראל לא יכתבו** (יחזקאל יג, ט)**, זה המינוי (הסמיכות, שממנים אותו בסמיכה להיות מורה הוראות, פני משה וקרבן העדה).**

ומזה נראה שורש וסמך, למה שנהגו לתת כתב סמיכה, שקורין 'הורמנא' או 'התרת הוראה'. ולכאורה לא מצינו כזה בתורה רק בעל פה (במדבר כז, כג) 'ויסמוך את ידיו עליו ויצוהו', וכן בש"ס סנהדרין (ה, א) ששאלו לו והשיב 'יורה יורה ידין ידין' וכו'. אולם מזה נראה מן הכתוב "ובכתב" בית ישראל, היינו המינוי שנהגו לעשות לו כתב התמנות והוראה, כנזכר.

הגהות ירושלמי מסכת ראש השנה פ"ב ה"ג

## צדיקים שהיו להם עטרה בחוטי זהב על הקיטל

**דאמר רבי לוי, שנייא היא שאין קטיגור נעשה סניגור.** קשה לכאורה, דהא אמרינן בסמוך (בהלכה ג') דציפהו זהב להשופר שלא במקום הנחת פה כשר, ואדרבא משום כבוד יום טוב עושין כן לכתחלה, כמו שפירש הפני משה שם, ולמה לא חוששין בראש השנה כמו הכא בקרן לאין קטיגור נעשה סניגור, כן התם בזהב שהוא מה שעשו העגל, כמו שלא נכנס הכהן גדול לפנים בבגדי זהב מטעם זה.

ובעל כרחך לחלק, שבשופר שנעשה מקרן ממנו מצותו ושייך אין קטיגור נעשה סניגור, מה שאין כן כשהזהב על השופר שלא במקום הנחת פה דאין נעשה המצוה מזה. אך עיין בגדולי אחרונים, ובשו"ת אאמו"ר צבי תפארת (סימן ח'), מזה הכלל עוד. ועל כל פנים מה שכתב הגאון בספר מטה אפרים

## אידיש בלוט גיסט ווי וואסער

יענעם כ"ד אדר איז דער דייטש ימ"ש אריינגעקומען קיין אונגארן!

אויב האט זיך געדאכט, אז דאס אויסזידלונג פון אזויפיל אידישע שטעט און דערפער, און דאס בלוט פארגיסונג פון מאסן אידישע קינדער, איז נאר א נייעס וואס מען האט אריבערגעהערט פון די אנדערע זייט גרעניץ, אין פולין און אנדערע לענדער, האט מען יעצט געזעהן די אמת'עווירקליכקייט פאר די אויגען אז אויך אונגארן וועט דערפון נישט פארשוינט ווערן.

עס האט נישט געדויערט לאנג, ביז ווען אין די שטאט מונקאטש, און אזוי אויך אין אלע גרעסערע שטעט, זענען אויפגעשטעלט געווארן געטאוס. אלע משפחות פון שטאט, זענען צינויפגעפרעסט געווארן צו וואוינען אין א גאר געצוימטע צאל גאסן. פון דארטן, גלייך נאכן יום טוב פסח, האט זיך אנגעהויבן די טראנספארטן. טויזענטער אידן זענען טעגליך אריינגעשטויסן געווארן אין פראכט וואגאנען, און זענען געפירט געווארן צו זייערע לעצטע וועג קיין אוישוויץ. אידיש בלוט האט זיך געגאסן ווי וואסער, השם ינקום דמם.

אין בערעגסאז, האט מען שוין אוועקגעפירט איין טראנספארט פון צוויי טויזענט אידן. דער צווייטער טראנספארט האט שוין נעבאך נאכגעפאלגט, די געטאו איז שוין ליידער שטארק אויסגעליידיגט געווארן, און די דייטשן האבן שוין געלאזט וויסן אז בקרוב גייט פארקומען דער דריטער טראנספארט, "פטור" צו ווערן פון די לעצטע צוויי טויזענט אידן אין בערעגסאז. די שטאט ווערט ווערן "יודן-ריין".

## "אזא אוצר..."!

צווישן די לעצט פארבליבענע אידן האט זיך אויך געציילט אונזער רבי יצחק אדלער מיט זיין פרוי. אויך זיינע עלטערן, הרה"ח ר' אשר ענזיל אדלער מיט זיין פרוי, מיט צוויי מיידלעך, צירל און אסתר, די שוועסטערס פון ר' יצחק.

מיט א ביטער הארץ האבן די מיטגלידער פון די אדלער פאמיליע זיך גענומען גרייטן צו א רייזע, וואס וועט מעגליך זיין זייערע לעצטער וועג. זיי האבן צוטיילט זייער האָב און גוטס צווישן די גוי'שע שכנים, מיט דער בקשה אז נאך די מלחמה זאלן זיי עס צוריקקערן צו זייערע אייגענטומער. מיט טרערן אין די אויגען האט ר' יצחק אדלער'ס עלטערע שוועסטער, צירל, צוגעקוקט ווי איר חשוב'ע ברודער געזעגענט זיך פון זיין טייערסטע פארמעגען, דאס זענען די הייליגע ספרים וואס ער האט אין זיי אזויפיל געלערנט. ער נעמט זיי ארויס פון שאנק, נאכן קושן יעדן ספר פאקט ער זיי אריין אין קעסטלעך, כדי דאס אוועקצולייגען אונטן אין קעלער, עס זאל נישט קומען חלילה צו א בזיון.

אזוי פאקענדיג די ספרים, האט די שוועסטער געזעהן, ווי ר' יצחק האלט א גאנצע פעקל פון בלעטער אין די האנט, ווען זיין פנים איז אזוי בלאס געווארן, און ער מורמלט זיך אונטער מיט פארצווייפלונג "**אזא אוצר...!**".

אויף די שטוינונג פונעם שוועסטער, האט ר' יצחק איר ערקלערט: דאס איז א כתב יד פון אונזער הייליגער רבי'ן זי"ע! דאס זענען זיינע חידושים אויף גאנץ תלמוד ירושלמי! דאס איז די איינציגע קאפיע אויף דער וועלט פון אט דעם ספר, און איך בין דער אחראי דערויף! וואס טוט מען אז דאס זאל נישט פארלוירן גיין?

אומצוקערן דעם טייערן כתב יד קיין מונקאטש איז שוין אוודאי נישט מעגליך געווען. כאטש מונקאטש איז נישט געווען צופיל קילאמעטער ווייט פון בערעגסאז, איז שוין

(בהלכות יום הכיפורים סימן תר"י סעיף י"א) שאין לחפות הקיטל לעטרה בקצת חוטי זהב משום אין קטיגור נעשה סניגור, עיין שם, וכיון שראינו מכמה קדושים שהיו להם קיטל כזה ולא דקדקו, יש לומר גם כן כנזכר, כיון שאין זה מעיקר המצוה, ועל כן לא שייך אין קטיגור נעשה סניגור כנזכר.

הגהות ירושלמי מסכת ראש השנה פ"ג ה"ב

### צדיקים נסתרים

שמענו כעין אלו בשם רבינו הבעל שם טוב זי"ע, ותלמידיו זי"ע, שהכירו אנשים כאלו, שהיו מוחזקים לעמי הארץ, והיו צדיקים נסתרים, ופעלו ברכתם ותפלתם.

הגהות ירושלמי מסכת תענית פ"ב ה"ד

### שימוש תלמידי חכמים להיות גם משמש בגופם

**אמר רבי יהודה, שבתי היתה, והלכתי אחרי ר' טרפון לביתו, ואמר לי, יהודה בני, תן לי סנדלי. פירש הפני משה: משום דגדולה שמושה יותר מלמודו** (ברכות ז, ב), עד כאן לשונו. מזה נראה כפירוש המקובל בשם רבנו הבעל שם טוב הקדוש ותלמידיו הקדושים זי"ע, דגדולה שמושה היינו ששימש תלמיד חכם ממש, להיות משמשם בגופם גם כן, כנודע. דאם כפירוש המפרשים בש"ס, גדולה שמושה וכו' היינו שמוש בהוראה להלכה למעשה, ולא בלימוד ההלכה בלבד, לראות אצלו ואתו הוראותיו למעשה, דאם כן למה צוה לו ליתן סנדלו, ומה למד בזה, הלא הורה לו רק במקל שטיהר בו מצורעים, ולא בסנדל כלל, רק כדי לשמשו בפשיטות.

הגהות ירושלמי מסכת סוטה פ"ב ה"ב

נישט מעגליך געווען פאר קיין איד זיך צו דרייען אינדרויסן פון געטאו, און אוודאי נישט צו ארומרייזן פון איין שטאט צום אנדערן.

ר' יצחק איז אריין אין קאך, אויסגעליידיגט א בלעכענעם קעסטל וואס איז דארט געליגען, ער האט דערין אריינגעלייגט דאס גאנצע בינטל פאפירן פונעם ספר, און אזוי אראפ אין קעלער.

מיט איילעניש האט ר' יצחק זיך גענומען גראבן אין דער הארטער ערד, מעסטנדיג דעם וואקסנדן לאך מיטן קעסטל ביז עס איז שוין געווען גענוג גרויס. ער האט גענומען א קליין צעטעלע וואס דערויף האט ער שנעל ארויפגעשריבן אז אין דעם קעסטל ליגט א ווערדפולער כתב יד, און דער וואס טרעפט עס ווערט געבעטן דאס אריבער צו פירן קיין מונקאטש לביתו של רבינו הקדוש דער מחבר הספר זי"ע ועכי"א.

ער פירט אויס זיינע ווערטער מיט א קורצע און הארציגע בקשה צום הימל, אז ער זעלבסט זאל פארבלייבן צווישן די לעבעדיגע און קענען אליינס דרוקן דעם ספר: **ויהי רצון מלפניו יתברך שמו שנזכה בחיים חיותינו להדפיס ברוב אי"ה ברוב רחמיו וחסדיו אמן. אונטערגעשריבן: הק' יצחק אייזיק בן הענטשא, לישועה בכלל ישראל אמן, י"ב למספר בני ישראל תש"ד, בערעגסאז יצ"ו.**

דאס צעטל איז צוגעקלעבט געווארן ביים עפענונג פונעם בלעכענעם קעסטל, די קעסטל איז איינגעהילט געווארן מיט א דיקע סחורה, און מיט ציטערדיגע הענט האט עס ר' יצחק באגראבן אינעם לאך און דאס איבערגעדעקט מיט ערד.

"קוק גוט אויף דעם פלאץ", האט ר' יצחק אנגעזאגט זיין שוועסטער צירל, "ווען די ישועה וועט קומען און די אידן וועלן באפרייט ווערן, אויב סיי ווער פון אונז קומט צוריק, מוז מען דאס אויפגראבן און שיקן קיין מונקאטש. דעם רב'ס זכות וועט אונז זיכער ביישטיין".

## "איך פאר צוריק אהיים..."

עס איז שוין פארלאפן באלד א פולער יאר פון ווען מען איז דעפארטירט געווארן, מיליאנען אידן זענען געגאנגען על קידוש השם, און אט איז געקומען די אומגלויבליכע מינוט, ווען די רעשט פארבליבענע אידן אין די לאגערן, אודים מוצלים מאש, זענען אנגעזאגט געווארן מיט די פריידיגע בשורה, אז זיי זענען באפרייט.

פון משפחת אדלער איז קיינער נישט געבליבן ביים לעבן, אויסער די צוויי מיידלעך צירל און אסתר אדלער. די אדלער מיידלעך וועלכע זענען געווען אינאיינעם אין לויף פון אלע שווערע צייטן, האבן זיך יעצט ווייטער נישט געשיידט, זיי זענען צוריק קיין אונגארן, ווי זיי האבן געטראפן א צייטווייליגע היים אין פרעשבורג צוזאמען מיט אנדערע פליטים.

אבער נאך געציילטע טעג ווען זיי זענען שוין געווען מער-ווייניגער איינגעארנט אין זייער נייעם וואוינארט, האט צירל געמאלדן פאר אסתר אז זי פארט אהיים קיין בערעגסאז.

"צו וועמען ווילסטו גיין"? האט אסתר געפרעגט מיט ווייטאג, אבער צירל איז געבליבן פאר'עקש'ט אז זי האט א וויכטיגע אויפגאבע אויסצופירן: אויפגראבן דעם כתב יד פונעם הייליגען רב ז"ל, און עס איבערגעבן פאר די וואס וועלן וויסן וואס מען דארף טוהן דערמיט.

צירל האט זיך געשיידט פון איר שוועסטער אסתר, וויל זי האט געזעהן אלס פליכט אויסצופירן די לעצטע געבעט פון איר חשוב'ער ברודער ר' יצחק אדלער הי"ד. זי איז געפארן קיין בערעגסאז.

זיך האט זיך געטראפן א קווארטיר אין א פארלאזטע הייזקע אין בערעגסאז צוזאמען מיט אנדערע פליטים, וועלכע האבן זיך אלע ליידער איבערצייגט דעם ביטערן גורל וואס האט באטראפן די אידן אין איראפע.

## "כמו ענגלית שנתחלף מלשונם הנהוג באנגליא להנהוג באמריקא"

**יכול מראה מים, תלמוד לומר ארד.** ...גירסת הפני משה אר"ד בדל"ת, דהיינו פירושו עפר. וכנראה שכונתו לתיבת ער"ד בלשון אשכנז, שנקרא עפר (בלשון הקודש). ומה שכתב אר"ד - באל"ף בתחלתו, אולי היינו בלשון גרמני הישן מאז, וכמו ענגלית שנתחלף מלשונם הנהוג באנגליא להנהוג באמריקא מאל"ף לעי"ן ברוב פעמים בהברתם.

אמנם האיך שייך לומר ולפרש תלמו"ד לומ"ה, על לשון גרמני, כיון שאינו מפורש כלל בקרא בלשון הקודש, וצריך עיון.

הגהות ירושלמי מסכת סוטה פ"ב ה"ב

## עד היכן יש ליזהר מלישבע אפילו באמת

**אדם מבריח עצמו מן השבועה ואין אדם מבריח עצמו מן התשלומין (עיין בקרבן העדה ופני משה, היינו שרוצה יותר לשלם כשמגיע כגון שהוא פשע, ומבריח עצמו מן השבועה אפילו באמת, ועל ידי זה ימנע מלהיות אפטרופוס).** ומכאן ראיה ברורה לדעת מהרי"ט ודעימיה, עד כמה היו זהירין בני אדם הכשרים ומכובדים אז, ועד היכן ליזהר מלישבע אפילו באמת, מובא בחיבורינו שו"ת מנח"א (חלק ה' סימן פ"ח) [עודנו בכתב יד כעת] (חסר וחבל על דאבדין), עיין שם באורך בעזרת השם יתברך.

הגהות ירושלמי מסכת גיטין פ"ה ה"ד

אינצווישן איז אנגעקומען פרישע נייעס. אונגארן איז צוטיילט געווארן. א חלק איז געבליבן א זעלבסשטענדיגע לאנד מיט איר הויפט שטאט בודאפעסט ווי ביז היינט, און דאס איבריגע האט מען צוגעטיילט פאר רוסלאנד וואס ווערט רעגירט דורך די קאמוניסטן.

צום אומגליק פון די פליטים האט די גרעניץ פון רוסלאנד איינגעשלאסן די גאנצע געגענט פון בערעגסאז און מונקאטש. דאס האט באדייט אז די איינציגע צוויי איבערלעבערינס פן משפחת אדלער, האבן יעצט געווארנט אין צוויי באזונדערע לענדער. צירל איז פארכאפט געווארן אונטערן אייזערנעם פאָרהאַנג!

## דער אוצר אנדעקט

צירל איז געשטאנען ביים פענסטער פון זייער הויז. פון דא האט זיך ארויסגעהערט די הערליכע געזאנגען ביים סדר נאכט און יעדן שבת ויום טוב, אבער יעצט הערט זיך נאר ארויס פונעם שטוב דאס ברומען פון בהמות. דער יעצטיגער הויז אייגנטומער האט קענטיג באשלאסן צו פארוואנדלען זייער ליבער היים אלס א שטאל. צירל האט גענומען די קוראזש צו עפענען די טיר, ווען דאס הויז קעגנאיבער האט זיך געעפענט א פענסטער און דיקע שטימע האט ארויסגעשריגן "וואס טוסטו דארט אין מיין שטאל?!" האט דער גוי געברומט.

"דאס איז געווען אונזער הויז!" האט זי צוריקגעשריגען, און דער גוי האט זעהט אויס באשלאסן נישט צו מאכן קיין ווערן און ער האט פארמאכט זיין פענסטער.

צירל איז אריין און באטראכט די ליידיגע הויז מיט בענקשאפט. אלעס האבן זיי אוועקגענומען. די טייערע מעבל, מיט אלעס דערין. אפילו די קליידער שאנק איז געווען אויסגעליידיגט. זי האט זיך געוואנדן צו די טרעפ וואס פירן אראפ אין קעלער. זי איז געבליבן שטיין ביים פלאץ ווי זי האט זיך איינגעקריצט אין זכרון מיט יארן פריער, און געזומען גאראבן מיטן קליינעם שאוועל וואס זי האט זיך מיטגענומען.

גאנץ שנעל האט זיך דאס קעסטל אנטפלעקט פאר אירע אויגען, און ווי נאר זי האט געזעהאט דעם אוצר אין אירע הענט, האט זי געכאפט איר לעצטער בליק אויף איר אלטער היים און ארויס אין גאס. זי איז צוריקגעאנגען צו איר אכסניא, אייגעפאקט איר ביסל האב און גוטס, און באלד גענומען אירע טריט קיין מונקאטש.

די שטאט מונקאטש האט איר אויפגענומען מיט אן אומעטיגע שטילקייט. די גאסן וועלכע האבן נישט אינעם ווייטן פארגאנגענהייט געשפרודלט מיט תורה און חסידות, זענען געווען פוסט און לעהר.

גייענדיג אין גאס האט זיך צו איר פרייד געטראפן א איד. "טוט מיר א טובה" האט זי איהם געבעטן, "נעמט דעם כתב יד פון מיר, דאס זענען חידושים פונעם מונקאטשער רב זי"ע און מען דארף עס דרוקן".

דער איד האט איר פרובירט צו ערקלערן, אז אין די יעצטיגע אומשטענדן איז אין מונקאטש נישט געבליבן קיינער וואס זאל זיך אפגעבן דערמיט, און אויב וועט מען דאס ארויסשיקן פון לאנד דורך די פאסט, וועט עס קאנספיסקירט ווערן.

צירל איז געווארן זייער צובראכן. זי האט זיך צוריקגעשלעפט קיין בערעגסאז נאר צוליב דעם כתב יד, בלויז אדאנק דעם איז זי יעצט אפגעהאקט פון דער גאנצער וועלט, און יעצט זאגט מען איר גאר אז עס איז נישט דא קיין עתיד דערפאר?!

מיט צובראכנקייט האט זי געוואנדן אירע טריט צום בית החיים. דארט האט זי אויסגעגאסן איר הארץ אויפן ציון הקדוש פון רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע. זי האט מיט הייסע טרערן געבעטן אז די חידושים זאלן נישט פארלוירן גיין, און זי האט אויך געבעטן אויף זיך - אן עלענדע מיידל אין דער ריזיגער סאוויעטישער תפיסה אפגעהאקט פון די איבריגע וועלט.

### "ולפי עניות דעתי נראה"

**א"ר אבון, מהו בעוניי (שאמר דוד המלך גם בהיותו עשיר, 'והנה בעניי הכינותי'** (דברי הימים א כב, יד)**), שאין עשירות בפני מי שאמר והיה העולם,** עד כאן לשון הירושלמי. ומזה יש לומר נשתרבב המנהג בקולמסן של גאוני עולם שרי התורה ז"ל, שכתבו בספריהם כמה פעמים "ולפי עניו"ת דעתי נראה". היינו גם במה שחדשו סברות עמוקות וחידושים נפלאים, הכל הוא מהנותן חכמה יתברך שמו, והנחילנו תורת אמת בכל עת ובכל עונה למצוא עומק אמתת הדברים, ולפניו יתברך שמו, ומבלעדי שפעו וכחו, אנחנו בכלל אין ענ"י אלא בדע"ת (נדרים מא, א). ובפרט בדברי תורה, שאמרו חז"ל בתענית (דף ז' ע"א) למה נמשלו דברי תורה למים, מה מים הולכין ממקום גבוה למקום נמוך אף דברי תורה אין מתקיימין אלא במי שדעתו שפלה. וכן בש"ס פסחים (דף ס"ו ע"ב) כל המתייהר תלמודו משתכח מידו. על כן צריכין ליזהר ביותר בדברי תורה, במדת שפלות וענוה כנזכר.

הגהות ירושלמי מסכת גיטין פ"ח ה"ג

### כמה גדולי עולם מעולם לא דנו דין תורה

**ר' יוסי בר חלפתא אתון תרין בר נש מידון קומוי, אמרו לו על מנת שתדינני דין תורה, אמר להם אני איני יודע דין תורה וכו', מקבלין עליכון מה דנא אמר לכון (עיין פני משה).** ודברי ירושלמי ור' יוסי בר חלפתא אלו, מובא בטור חושן משפט (סימן ט"ו). והיינו שהתנה רק על מנת שיקבלוהו עליהם בין דין לדין לטעות, כי הגיד (מרוב ענוותנותו) מרוב הדיעות ופלוגתות ועומק הדינים שהוא אינו יודע לחרוץ ברור הדין תורה ממש. וכן שמענו בשם כמה גדולי עולם ז"ל רבותינו האחרונים, כמו

נאך א לאנגע צייט ווינען, האט זי פארלאזט דעם הייליגען ארט מיט באנייטע חיזוק. זי איז אריין אין דער גרויסער שטאטישער שול, ווי זי האט דארט באגעגנט אן עלטערער איד זיצן ביי א ספר. זי האט אראפגעלייגט דעם כתב יד אויפן טיש און מיט אן אנטשלאסענע שטימע אויסגערופן "דאס זענען חידושים פונעם מונקאטשער רב, און איך גיב אייך איבער די אחריות דערויף".

"וואס וועל איך טוהן דערמיט? עס זענען דאך נישט געבליבן קיין תלמידי חכמים אין שטאט, דער חיבור וועט דא ליגען און זאמלן שטויב...", האט דער איד געזאגט.

"דא געהערט עס, און דא וועט עס בלייבן", האט דאס מיידל נישט נאכגעלאזט. "מיין ברודער האט מיר געהייסן עס צוריקקערן אין מונקאטש, און איך האב ערליך אויסגעפירט מיין פליכט".

זי האט דאס דארט איבערגעלאזט אין מונקאטש, און איז צוריק קיין בערעגסאז, ווי זי האט פארברענגט א גרויס טייל פון איר לעבן מיט גרויס מסירת נפש צו היטן און פארשפרייטן אידישקייט. ערשט נאך פינף און צוואנציג יאר האט זי פארלאזט די אייראפעאישער ערד און ארויף קיין ארץ ישראל, ווי זי האט זיך פאראייניגט מיט איר שוועסטער.

מרת צירל אדלער איז ליידער געבליבן אן עלענדער אידישער טאכטער וואס האט נישט אליינס געברענגט קינדער אויף די וועלט, אבער אין זכרון וועט לעולמי עד בלייבן פאראייביגט מיטן ספר "הגהות הירושלמי", ביי וועלכע זי איז מיט איר מסירת נפש געווען א שליח פון הימל אז אט די הייליגע תורה זאל בלייבן און לייכטן לדורות עולם.

## ארויסברענגען דעם אוצר

אין יענע יארן האבן אין שטאט מונקאטש געוואוינט עטליכע ערליכע חסידי'שע אידן און תלמידי חכמים, וועלכע זענען ליידער געבליבן פארשלאסן אונטערן אייזערנעם פארהאנג, אָן האבן א וועג ארויס צו די פרייע וועלט.

אין צוגאב צו זייער מסירת נפש אויף שמירת התורה והמצוות און צו קענען מחנך זייערע קינדער צו אמונת ד' ותורתו, האבן זיי אין יענע שווערע אומשטענדן געהיטן אויף דעם הייליגען אוצר וואס איז אנגעקומען צו זייערע הענט.

אונטער די קאמוניסטן איז נישט געווען קיין מעגליכקייט צו שיקן פאסט עפעס פריוואט, אלעס האבן זיי געעפענט און דורכגעקוקט. ווען זיי האבן פארדעכטיגט אז מען שיקט אדער מען שרייבט עפעס אקעגען זיי, אדער עפעס וואס איז פארבינדן מיט די אידישע רעליגיע, האבן זיי דאס גלייך פארניכטעט און אפילו באשטראפט דער וואס האט דאס געשיקט.

אבער אין די תש"כ יארן, האט מען אנגעהויבן צוביסלעכווייז ארויסשווערצן פון דעם גרויסן אוצר, צו די פרייע וועלט. אין איינפאכע בריוון וואס אידן פון דארטן האבן געשיקט צו באקאנטע אין אמעריקא, האט מען כסדר צוגעלייגט אלס א טייל פונעם בריוו א קורצע העתקה פונעם כתב יד, מיטן פלאן און חשבון אז מיט די צייט וועט מען אין די פרייע וועלט באקומען דעם גאנצן אוצר פונעם "הגהות הירושלמי".

בעל הנתיבות, שאמרו, שמעולם לא דנו דין תורה, רק התנו מקודם (או בקנין סודר) שיקבלו דעתם בין לדין בין לפשרה (קרובה לדין תורה) כפי הבנתם.

הגהות ירושלמי מסכת סנהדרין פ"א ה"א

## על עשרת השבטים שמעבר לנהר סמבטיון

**ר' ברכי' ור' חלבו בשם ר' שמואל בר נחמן, לשלש גליות גלו ישראל, א' לפנים מנהר סבטיון, ואחד לדפני של אנטוכיא (פירש הפני משה: לצדדי מדינת אנטוכיא), ואחד שירד עליהם הענן וכיסה אותם**, עד כאן לשון הירושלמי.

ונראה דקאי על עשרת השבטים דמתני' הוא מפרש בזה, מ"ש בזה במתני' עשרת השבטים וכו'. ומכאן שורש חזק מה שאומרים העולם, האמת ומקובל בידינו שיש חלק גדול מעשרת השבטים מעבר לנהר סמבטיון, ומספרים מהם גדולות ונוראות כי הם גדולים ויראים קדושי עליון. וזהו מ"ש התוס' (בריש חולין) מאלדד הדני היינו הלכות ארץ ישראל שאין נשים שוחטות, וכן הביאו ממנו ממנהגיהם בעניני שחיטה ברבותינו הראשונים ז"ל, וכן כיוצא הרבה.

וכן יש אצלינו עלה לתרופה, נדפס (באמשטרדם) זה יותר ממאה שנים בערך, מכתב חתום מגדולי עולם בזמניהם, ובתוכם הג"מ חיד"א זצ"ל, מאחד שנסע לשם והיה בסמוך אצל מלך, ועל ידי סיבה נהרג, והיה זה נסובה במעשה נורא שלא זכה לבא אצלם פנימה למדינתם ומקום כבודם, וחפציו וכתביו שהכירו הובאו חזרה לבני ביתו לארץ הקודש, והכירום. וכן נודע בספר שארית ישראל (ונדפס המכתב הלז גם בדורותינו בספר קול מבשר, עיין שם עוד בארוכה שם מזה. וכן בספר מבשר ואומר נחמות מנחם, שנדפס בירושלים, ואין כאן מקומו להאריך). וכן מקובל בידינו מפי אבותינו ורבותינו הקדושים והגאונים בעלי רוח הקודש אמתיים, ושקיבלו איש מפי איש מפי אבותיהם ז"ל.

ולכאורה תיקשי בזה מש"ס בבלי (ביבמות ט"ז ע"ב) נכרי שקידש בזמן הזה חוששין לקידושין דילמא מעשרת השבטים הוא, עיין שם, משמע שנתפזרו ונטמעו בין האומות במדינות שלנו... אולם יש לומר דלא פליגי שני התלמודים בזה, דמה שאמרו שחוששין לקידושין באותן שנתערבו במדינות שדרין בני ישראל אשר נודע המדינות לנו באותו חלק שגלו מעבר למדינת אנטוכיא נחשבו כל המדינות האלו.

פארשטייט זיך, אז כדי נישט צו שאפן קיין פארדאכטן, האט מען זיך געדארפט זייער היטן נישט צו שיקן צו אפט בריוו, און נישט כסדר צו די זעלבע מענטשן, און אזוי ווייטער אנדערע באווארענונגען, אז דאס זאל נישט ברענגען קיין בייז אויג ביי די רוסן.

אויף דעם סדר, איז אנגעקומען צו כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, און אנדערע אנשי שלומינו מזקני החסידים וואס האבן געהאט פארבינדונג מיט די אידן אין מונקאטש, נאך א שטיקל און נאך א שטיקל, בלעטל נאך בלעטל, פונעם הייליגען ספר "הגהות הירושלמי".

אינצווישן, האבן געוויסע אידן באוויזן צו באקומען ערלויבעניש צו פארלאזן דאס לאנד און גיין קיין ארץ ישראל, און דאן האט מען בסייעתא דשמיא אויף איינמאל ארויסגעשווערצט דעם גאנצן כתב יד קודש פון הגהות הירושלמי, מיט טייל פון די הערליכע העתקות וואס זענען געשריבן געווארן דורך הרב ר' יצחק אדלער הי"ד.

## אחרון אחרון חביב

רוב רובם פון די הייליגע ספרים וואס רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע האט אונז איבערגעלאזט פאר אן אייביגע ירושה לדור ודור, האט ער שוין אנגעהויבן מחבר זיין נאך אין זיינע יונגע יארן, און דאס שרייבן האט זיך געצויגען אויף שפעטערע, מיט פארגרעסערן דעם חיבור, אדער צולייגען נאך חלקים צום זעלבן חיבור.

ווידער דאס שרייבן דעם ספר "הגהות הירושלמי", האט רבינו זי"ע ערשט אנגעהויבן צו שרייבן אין שפעטערע יארן.

ווען רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע האט אנגעהויבן שרייבן זיין הייליגע צוואה, אין חודש אדר תרפ"ח, האט ער נאך אינגאנצן נישט דערמאנט אז ער האט אזא חיבור ווי "הגהות הירושלמי".

אינעם סעיף כ ווי ער לייגט פאר זיין בקשה אז זיינע ספרים בכתב יד זאלן געדרוקט ווערן, האט ער ערשט מיט א צייט שפעטער צוגעשריבן צווישן די שורות אז ער האט אויך א חיבור אין כתב יד וואס הייסט "הגהות הירושלמי".

גענוי ווי דאס איז געשריבן געווארן שפעטער, איז דאס למעשה אויך געדרוקט געווארן דאס שפעטסטע. העכער פערציג יאר נאך די הסתלקות פון רבינו זי"ע, אין יאר תש"מ, איז דער ספר "הגהות הירושלמי" געדרוקט געווארן דורך הרבני הנכבד הר"ר יצחק אייזיק הכהן הענדלער ז"ל פון נוא יארק.

דאס ערשיינונג פונעם "הגהות הירושלמי" האט דאן ערוועקט א געוואלדיגע פרייד צווישן תלמידים וחסידים, וועלכע האבן אויפגעשיינט ביים זעהן דעם גרויסן געטראפענעם אוצר.

עס איז צום באמערקן, אז אין קעגענזאץ צו אלע אנדערע ספרים פון רבינו זי"ע וועלכע האבן א געוויסע סארט "הקדמה" אדער א קורצע פאראווארט ביים אנהויב ספר, פארמאגט נישט די "הגהות הירושלמי" קיין שום הקדמה און אריינפיר פונעם מחבר.

אבער פון דעם וואס רבינו זי"ע שרייבט אין הגהות הירושלמי מסכת נדה פרק ג הלכה א: "**עיין בהקדמתינו להגהות אלו**", ווייזט אויס אז עס האט יא געהאט אן הקדמה נאר איז ליידער פארלוירן געגאנגען, וחבל על דאבדין.

**ומה שכתוב בזה מחלק שכיסה עליהם הענן, נראה היינו חלק הגדולים והקדושים שנתכסו לרוב קדושתם. וד' יודע האמת איה מקום כבודם והתחלקות מפלגותם. והוא יעזרנו בודאי לראותם במהרה בימינו בקיבוץ גלויות כולם יחד בראש גולים, ובאו האובדים וגו' והשתחוו לד' בהר הקודש בירושלים, בביאת גואל צדק במהרה בימינו.**

הגהות ירושלמי מסכת סנהדרין פ"י ה"ה

### דת יהודית שלא לגלח שערות זקנו ופאותיו

**אמר ר' אבין, ואפילו תימר (בסתם אשה), יכולה אשה להטמין את עצמה וכו', ואין האיש יכול להטמין את עצמו ולומר נכרי אני. ופירש הפני משה: שהאשה יכולה להטמין את עצמה ולומר נכרית אני, מה שאין כן באיש, שהכל מכירין אותו שהוא יהודי, בפאת הראש ובפאת הזקן, עד כאן לשונו. מכאן ראיה, שאסור לגלח שערות זקנו, ובפרט פאותיו, אפילו במספריים וסם סמוך לבשר, והיה אצלם דת יהודית כן, וגם משום לא ילבש גבר** (דברים כב, ה)**, ובחוקותיהם לא תלכו** (ויקרא יח, ג)**, וכיוצא. כמו שהאריך (הגה"ק מליבאוויטש ז"ל) בשו"ת צמח צדק, וכמו שכתבנו בעניותן בשו"ת מנחת אלעזר** (חלק ב' סימן מ"ח)**. דאם לא כן הרי גם בין איש ישראל לנכרי לא ניכר, כשמגלח בסם בלי השאיר אפילו שורש שערה כמו הנכרי, אלא ודאי דאסור.**

הגהות ירושלמי מסכת עבודה זרה פ"ב ה"א

### כתיב לשם זיידא או זיידל

**ר' יהושע בן זיידל הי' לו יין מבושל. וכן עוד הפעם כן. ושם זה "זיידל" הוא נראה כמו כינויים האשכנזים "זיידא", או בשם הגעגועיים מקטנותו "זיידל", ולא אצל חכמי הש"ס ובמדינותם בלשונות בני קדם והמזרח (ולא נמצא שם זה גם בירושלמי, רק עוד פעם אחת בתרומות, כמו שציין בסדר הדורות). והילכתא רבתי איכא למישמע מינה לכאורה בשם "זיידא" הנמצא הרבה כעת, וכן "זיידל" כנזכר לעיל, ואנחנו לא נדע איך לכותבו בגיטי נשים, אם בשני יודי"ן או ביו"ד א', ובספרי שמות גיטין לא מצאתיו כלל, רק הכללים בזה אם שני יודי"ן הם פתח חריף, ולפי מבטא הקריאה, ואין כאן מקומו להאריך. ואם יגזור השם בחיים, בנימוקי אבן העזר נדבר מזה בעזרת השם יתברך:**

הגהות ירושלמי מסכת עבודה זרה פ"ב ה"ג




2

# וואס ווילסטו היינט רעדן?

# דער וועג פון די אידן

**האלבער-נאכט געשפרעך ביי ברענענדיגע ליכט, מיט לאזאר שפירא, דער וואונדער-ראבינער פון מונקאטש - א מאן וואס איז פארעהרט דורך הונדערטער טויזנטער אלס הייליגער, רעדט אין זיין ווארט, איבער "וואס דארף זיין די וועג פון אידן"**

## PESTI NAPLÓ, AUGUST 15 1936

טרענטשין-טעפליץ, אויגוסט - (פון דער 'פעסטי-נעפלאו' קארעספאנדענט)



דער ווילא, וואס איז געבויט געווארן לאנג פאר דער [ערשטע וועלט] מלחמה דורך יוסטין באראוס, דער געוועזענער לוטענאנט פון טרענטשין קרייז, אויף דער פלאץ פון וועלכעס גאבאר באראוס, דער אייזן מיניסטער, האט פארברענגט די זומער מאנאטן, איז פאר אייניגע וואכן צוריק פארוואנדלט געווארן אין א געטא פון מיטל-אלטער.

מענטשן מיט שיינע אויגן, לאנגע שווארצע קאפטענעס, קרייזלדיגע פיאות, איילן זיך מיט פינקלענדע אויגן, ארויף די שמאלע טרעפ פון דער ווילא'ס גארטן, צום צימער אויפ'ן אונטערשטן שטאק, וואו דער לעגענדארער מונקאטשער אידישער גייסטליכער פירער, לאזאר שפירא [רבינו הקדוש בעל מנחת אלעזר זי"ע], לערנט יעדע נאכט, פארזינקען אין זיין דיקע ספרים, ביז אין די גאר פרי פארטאגס שעה'ן.

זיי מאַכן זייער גייסטליכע רייזע קיין טרענטשין-טעפליץ, פון ווייטע געגנטער, פון מאָראַוויאַ און שלעזיע, פוילן און טראַנסילוואַניאַ, עסטאָניאַ און האָלאַנד. אין די נאכמיטאג שעה'ן וועלן זייווארטן פארזאמלט מיט געדרענג אינדרויסן אין גארטן, און אויף די טעראסע, פון דער ווילא. דער פאסט-טרעגער ברענגט הונדערטער בריוו פון איבער די גאנצע וועלט.

אן אומבאשרייבליכע פארעהרונג און רעספעקט טוט איבערנעמען די אייביג באשיידענע מענטשן, ווען די טיר עפנט זיך, און לאזאר שפירא [רבינו זי"ע] טוט זיך באווייזן אין דער עפנטליך, מיט זיין רעספעקט-איינפלוסנדן געשטאלט, וועמען די וועלט האט געגעבן דעם נאמען: דער וואונדער ראבינער.

די וואס וואוינען אינדרויסן פון דעם געטא - וואס איז ארומגענומען מיט אומזעבארע מויערן איבערגעבליבענע פון דעם געדעכטן לופט פונעם מיטל-אלטער, קענען זיך אפילו נישט פארשטעלן, וואספארא געמיינדע פון פארעהרער און נאכפאלגער נעמען ארום דעם מענטש. לאזאר שפירא [רבינו זי"ע]: דער גייסטליכער און דער דאקטער, דער ריכטער וואס גיבט ארויס אורטיילן וואס קיינער קען נישט אפעלירן, דער נביא און פאָר-זאגער, דער גרונטליכסטער תלמוד-געלערנטער פון דעם עלטער אנערקענט דורך אלעמען, דער בעסטער פארשטייער פון די אייביגע סודות פון 'קבלה', און פאר וועמען פילע הונדערטער טויזנטער, וועלכע לעבן אין דעם שיינעם ראיאן רוטעניע, ווייט אין צפון, ביז דעם רוסישן גרעניץ, וואלטן אין פייער געגאנגען פאר זיינעט וועגן אן א קווענקל...




Trenčianské Teplice Villa „Baross."

די ווילא פון יוסטין באראוס אין טרענטשין-טעפליץ. אמאל און היינט

# אין הויף פון דעם וואונדער ראבינער

ווען ער איז געקומען קיין טרענטשין-טעפליץ, האט מען מיר דערציילט א לעגענדע, איבער וואספארא ריזיגע סוויטע ער וועט מיטברענגען. מען האט מיר געזאגט, אז זיי האבן פאר אים געדינגען א גאנצע ווילא. אבער אין ווארהייט, איז זיין אקאמאנדירונג, אין דריי צימערן אויף דער אונטערשטער שטאק פון די בארא'וס ווילא. עס וואוינען דערינען, ער, זיין פרוי [הרבנית הצדיקת רחל פערל הי"ד], הער גרינפעלד [הרה"ח ר' חיים בער ז"ל] - זיין סעקרעטאר [משב"ק], און הער גראס [הרה"ח ר' שלמה גראסס שו"ב ז"ל] - דער הויז אויפזעער. דערצו, איין איינצעלנער מיטארבעטער, א קעכער. ווידער ביי זיך אינדערהיים, אין מונקאטש, זענען דא פיר קעכערס, ווייל אינדערהיים אין א פרייטאג-צונאכטס זיצן ארום זיין טיש דריי-פיר הונדערט געסט, און אין ימים טובים דארף ער דעקן דעם טיש אין יעדן צימער פון זיין וואוינארט. אויך די רעליגיעזע אידן וואס קומען אים דא באזוכן, עסן ביי זיין טיש. און אפילו אין די וואכנטעג, קאכט מען יעדן מיטאג און אוונט, פאר דרייסיג-פערציג מענטשן.

צום ערשט גיי איך צו דער בארא'וס ווילא, ארום זעקס אזייגער נאכמיטאג. דער קעניגליכער ראטגעבער ד"ר זיגמאנד אראני, דער דאקטאר פון דער אויבער-ראבינער [רבינו זי"ע], האט פאר מיר אראנזשירט דעם באגעגעניש. מיט עטליכע יאר פריער, האב איך שוין גערעדט מיט לאזאר שפירא [רבינו זי"ע], וועלכער נעמט געוועינליך נישט אויף קיין זשורנאליסטן און גיבט נישט קיין אינטערוויאוען. איך ווייס פון זעקס קאלעגעס מיינע, וואס האבן לעצטנס געמאכט די רייזע קיין טרענטשין-טעפליץ אומזיסט. הער גרינפעלד [ר' חיים בער ז"ל], זיין סעקרעטאר - אליין א קוואַליפיצירטער רב - מאכט מיר שפירן, אז איך האב עררייכט גאר א באזונדערע טובה.

אין דעם צימער וואו מירווארטן, אקעגן די וואנט, איז דא אן אומאיינגעארדענטער בעט, און א קישן און דאכענע ליגט אויף א גרינער סאפע אקעגן די אנדערע וואנט.

די טיר צו די טעראסע איז אפן, און די אלטע ביימער פון די פארק אין טרענטשין-טעפליץ שאקלען זיך. אין דעם צימער, און אויפ'ן ברייטן באלקאן, ווארטן שווארץ-בערדיגע אידן. עס איז זייער שווער צו באַשטימען זייער עלטער. עמיצער וואס דו טראכסט ער זאל זיין אין די עלטער פון פופציג, ווייזט זיך אויס צו ווערן פינף-און-צוואנציג אין סעפטעמבער. א "רעמבראַנדט געשטאלט" צעברעקלט א שטיקל קוכן אין זיין קאווע. די קאווע איז ארייגעברענגט געווארן דורך הער גרינפעלד [ר' חיים בער ז"ל]. אַלע רעדן גאר שטיל: דער רבי האט זיך צוגעלייגט.

ער לערנט יעדן טאג ביז אין די פארטאגס שעה'ן. טיילמאל לייגט ער זיך נישט ביז פיר אזייגער, אָבער ער איז שוין וואַך זעקס אדער זיבן אזייגער. נאכ'ן עסן מיטאג, לייגט ער זיך ווידער אין בעט, און דער נאכמיטאג דרימל - ביז זעקס אזייגער - איז טאקע די פאקטישע רו צייט פאר אים. ער נעמט אויף זיינע נאכפאלגער ביז די געבעטן אין אווענט. עס איז שוין האלב נאך צען, ווען ער ענדיגט דאס דאווענען, און דאן לערנט ער...

...עס איז דא א באוועגונג אינעם צימער, נאך עטליכע מינוט עפנט זיך די טיר, און ער באווייזט זיך מיט זיין סעקרעטאר.




קארטל און זיגלען פון רבינו זי"ע בלשון העמים

מונקאטשער רב שליט"א
אבגעפאהרען אויף כוראציע
קיין טר. טעפליץ

מונקאטשער רב שליט"א איז די וואָך מאָנטאג אויף א דריי וואָכינע קוראַציע אבגעפאהרען קיין טרענטשין טעפליץ. ס'ווערט פאָראויסגעזעהען נאָך טר. טעפליץ א צוויי וואָכינען נאכקוהר אין סליאַטש.

באריכט אין "יידישע צייטונג" חודש מנחם-אב תרצ"ו



חיים אלעזר שפירא
אבדק"ק
מונקאטש והגלילות

על הוסותיך ירושלים הפקדתי שומרים

נשיאת כוללת מונקאטש ועשרה גלילות מסעות רסבחי"נ באה"ק תוב"ב

מאסף מכל המחנות
צדקות ונדבות עבור אחב"י תושבי אה"ק
ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה

ב"ה. יום ב' ראה תרצ"ו (מונקאטש) יע"א.
ט'עפליץ

**ב"ה, יום ב' ראה תרצ"ו, ט' טעפליץ יע"א... הגיענו מכתבו היקר הנה במקום מעינות הרחצה, באשר הנני סובל יסורים על מתניי ורגליי ושאר איבריי החיצונים, ומי יודע עד כמה להפנימיים... ואי"ה אסע ביום ג' הבעל"ט למרחץ סליהאטש הסמוך, על שבועיים, לנאבקוהר. ירחמינו השי"ת וישלח בכלל כל ישראל רפואה שלימה מן השמים במהרה בימינו.**

**מכתב קודש פון רבינו זי"ע קיין ירושלים עיה"ק צו הגה"צ רבי ישעי' אשר זעליג מרגליות זצ"ל אין די צייט וואס ער האט געוויילט אין ט. טעפליץ**
(געדרוקט אין אגרות שפירין מכתב קצג)

# פנים צו פנים מיט דער "רבי פון רבי'ס"

א טייערער מאן.

ער האט א פליסנדער ווייסע בארד, און א שווארצער סאמעטענעם היטל אויפ'ן קאפ.

זיינע ווייסע קליידער זעט זיך פון אונטער זיין לאנגען קאפטן. ער טראגט אלעמאל די ווייסע קליידער, וואס פרומע אידן טראגן אין יום-כיפור און אין וועלכע מען לייגט זיי אריין אין אן ארון. ער האלט דאס פאר א באפעל.

ער איז צוגעגאנגען צו יעדן גאסט. ער האט מיט יעדן פון זיי געשאקלט דעם האנט, און ווען יעדער פון זיי האט דערציילט פון וואנען זיי קומען און וואס זיי ווילן, האט לאזאר שפירא [רבינו זי"ע] דערקלערט מיט א דרייסטע שטימע:

"גוט! וואס מיינסטו איך בין? א שטיק שטיין? דו מיינסט אז איך בין פריי ווען דו ווילסט? איך בין אויף אַ היילונג דאָ! קום אן אנדערס מאל, איך קאן יעצט נישט..."

אינדרויסן אין קארידאר האט שוין אויף אים געווארט זיין 'מאסוער', אין זיין ווייסן רעקל.

ער האָט זיך צום לעצט צו מיר אויסגעדרייט:

"אפשר קומט מארגן?"

איך האב די אנפראגע ריזיקירט: "איך ווייס, אז דער אויבער-ראבינער איז וואַך א גאנצע נאכט. קען איך נישט קומען ביינאכט?"

ער קוקט אויף מיר מיט די גרויסע בלויע אויגן, דערנאך אויף גרינפעלד, און זאגט אים: "עס ארט מיר נישט..."

הער גרינפעלד שושקעט צו מיר, און מאכט זיכער אז די אנדערע זאלן נישט הערן: "קום האלב-נאך-צען אין אווענט..."

# אינטערוויו ביי האלבער– נאכט. נעבן א וועלט פון פלאקערדיגע ליכט

איוואן סארז, דער מעלער פון גענף, באגלייט מיר צו די נאכט אינטערוויו. איוואן סארז קען נישט אריינגעברענגט ווערן אין דער ווילא. איך האב אים אוועקגעזעצט אין גארטן, כדי איך זאָל אים אַריינרופן אין א פאסיגן מאמענט. לאזאר שפירא [רבינו זי"ע] האט נאך קיינער קיינמאל נישט אפגעמאלן, ער האט זיך נאר געלאזט פאטאגראפירן ווען מען האט נישט געוואלט ארויסגעבן זיין פאספארט אן א פאטאגראפיע.

הער גרינפעלד קומט ארויס פון צימער און ווינקט אן קיין ווארט: "קום..."

נעבן פענסטער שטייט א שמאלער טיש, אויף דעם ברענען צוויי ליכטלעך. זיי זענען האלב פארטיג. אינמיטן דעם צימער איז פלאצירט צוויי בעטן. נעבן טיש, אקעגן די ליכט, זיצט דער גייסטליכער [רבינו זי"ע], באקליידעט אין אַ טונקל בלויען רעקל מיט קליינע ווייסע פינטלעך. די רעקל איז אפן, און עס איז מערקבאר דעם שטארק ווייסן וועסטל אונטער דעם.

די צוויי ליכט ליגן אין א זילבערנע האלטער, אויף א זילבערנעם טאץ. דער גאלדענער פעדער, וואס ליגט גלייך דערנעבן, פאסט זיך נישט צוזאם.

זיין סעקרעטאר לייגט אונטער מיר א בענקל, איך זעץ זיך אנטקעגן אים, און ער פרעגט:

"געדענקסטו אונזער לעצטע באגעגעניש? איך האב דיר דעמאלטס געזאגט: די פעלקער-ליגע [פארגייער פון די 'יונייטעד נעישאנס'] איז ווי א שיינעם זייגער: עס איז אזוי טייער, אז מיר קענען זיך דאס קוים פארגינען. א מייסטער-ווערק פון גאלדשמיד קונסט. עס איז געמאכט פון גאלד, און איז געשטעלט מיט דימאנטן און טייערע שטיינער. אלע באקוקן דאס. עס האט איין פראבלעם: עס ארבעט נישט!... נו, יעצט, ביי די געשעעניש פון די סאנקציעס, האט זיך ארויסגעוויזן אז איך בין אינגאנצן גערעכט. דער זייגער וועט קיינמאל אַרבעטן, ווייל עס איז שוואך צוזאמגעשטעלט..."

"וואס ווילסטו היינט רעדן?"

מיין ענטפער צו דעם איז: "איך וויל געבן דעם קעפל פון אונזער היינטיגע שמועס: 'דער וועג פון די אידן...'" רעדט דערפון, הער איבער-ראבינער! שמועסט אויס, וויאזוי איר טוט זיך פארשטעלן דער וועג פון די אידן אין דער צוקונפט. פאלעסטינע, דייטשלאַנד און...

ער האקט איבער: "ווען איר וואלט געפרעגט עפעס אנדערש, וואלט איך אפשר נישט געענטפערט דיין פראגע, אבער אט דאס בין איך צופרידן צו ענטפערן...."

# דער נייער בריק דארף ערשט באטרעטן ווערן, ווען עס איז שוין געבויעט...

זיינע אויגן ברענען. אין זיין קלארע דייטשע אויסשפראך גליטשט זיך אמאל אריין אויך אידיש. די הענט באוועגן זיך ווילד. און אז איך טו אמאל אריינרעדן, רעדט ער הויך. אבער זיין אנהויב איז מיט א רואיגקייט:

"מיין זיידע [רבינו הקדוש בעל מנחת אלעזר זי"ע], וועלכער איז געווען א זייער בארימטער רב, האט אמאל אזוי געזאגט: ערגעצוואו אויף דער טייך טיזיע, איז דא אן אלטער בריק. מיט דער צייט איז עס אביסל אפגענוצט געווארן, אבער מען קען נאך דערויף אריבער שפרייזן. זעלנער קענען נאך אויף דעם מארשירן, כאטש עס קומט אן מיט שוועריגקייטן. עס קען אפילו אויסהאלטן אנגעפולטע וואגאנען. עס זענען געקומען אינזשענירן, געבילדעטע און וויסנשאפטליכע מענטשן, און האבן באשלאסן צו בויען א נייע בריק נעבן די אלטע. די שטאנגען זענען געווארן געבויט פון באטאן, און אן ארמיי פון ארבעטער האט געארבעט דורך די נעכט, פול מיט גלויבן און אמביציע.

"די נייע בריק האָט מען געבויעט פאמעליך, נעבן די אלטע. אויפדערנאכט האט מען ביים נייעם בריק ארויסגעשטעלט א רויטע לאמטערנע, און נעבן דער לאמטערנע א ריזיגן שילד: 'זייט פארזיכטיג! די בריק איז אין בוי! סכנה!' די מענטשן וואס האבן געוואלט גיין פון איין זייט פון די טיזיע צו דער צווייטער זייט, האבן גענוצט די אלטע בריק, ווייל די נייע איז נאכנישט פארטיג. די שטאנגען פון באטאן זענען געשטאנען נאקעט, אין די פליסנדע וואסערן פון דער טיזיע...

"איין נאכט איז געקומען א מענטש, פילייכט איז ער געווען שיכור, פילייכט האט ער פארלוירן דעם קאפ,

# "איך ווייס ווען משיח וועט קומען, נאר איך וועל אייך נישט זאגן. ווייל ווען איך וואלט אויסגעזאגט, וואלט איך געשטארבן דאס יאר, און די וועלט ברויך מיך נאך האבן..."

און ער טראכט: איך גיי די נייע בריק אויספרובירן. דאס רויטע ליכט איז דארטן געווען פאר אים ווי גארנישט. ער האט דאס איגנארירט, און איז ארויף אויף די נייע בריק. פארשטייט זיך, אז ער מיט זיין מאשין זענען אריינגעפאלן אין דער טייזע... ער האט זיך דארט פארלוירן... דער בריק איז דאך נאכנישט געווען גרייט...

"די דאזיגע משל פון מיין זיידע, איז דער גענויער ענטפער אויף דער פראגע, וואס דו האסט מיר געפרעגט. די נייע בריק פון די אידן איז נאכנישט פארענדיגט געווארן. לאמיר נישט גיין אויף איר. מיר האבן נאך דא די אלטע. אפילו אויב עס איז אביסל אפגענוצט, קען מען נאך אויף איר גיין. דער שילד אויף דער נייער בריק שטייט: 'סכנה! די בויערס האבן א גוטע גלויבן, די באטאן שטאנגען קען זיין שטארק, אבער - די בריק איז נאך נישט גרייט.'

## נישט פאלעסטינע...

"מיט צוויי הונדערט יאר צוריק האט אין האמבורג, אלטונא געוואוינט א בארימטער ראבינער, רבי יונתן אייבשיץ. ער האט א גרויסארטיגע ווערק געשריבן, און דערין האט ער גענוי פאראויסגעזאגט אלעם וואס האט היינט פאסירט. רבי יונתן אייבשיץ האט געשריבן: "אויב יעדע נאציאן און יעדע לאנד וועלן צווינגען די אידן צו גיין קיין פאלעסטינע, זאלן די אידן נישט אננעמען זייער ווארט. דארט וועט אסאך בלוט פליסן, און נאר דער משיח קאן דאס פאלק צוריקפירן קיין פאלעסטינע... אבער מענטשן קיינמאל נישט..." אזוי איז דאס.

"איך בין אהינגעגאנגען מיט עטליכע יאר צוריק, און האב פאראויסגעזאגט פון פריער, אז די אראבער ארגאניזירן א בלוט-באד אין לאנד פון די נביאים. איך האלט, אז די באלפור דעקלעראציע איז א נארישקייט. איך האב געזאגט, אז די בריטישע האבן א גרעסערע אינטערעס אין די 300,000,000 אראבער, ווי די עטליכע טויזנט אידן וואס וואוינען און בלוטיגן דארט. די דרייצן מיליאן אידן פון דער וועלט קען מען דען אקאמאדירן אין דעם הייליגן לאנד? איך ווייס נישט: איז עס א חלום, משוגעת אדער רשעות אהינצוברענגען מענטשן? אבער איך זע, אז פאלעסטינע איז א בריק וואס איז זייער געפערליך צו טרעטן אויף... פאר די בריטישע איז אלעס געשעפטליך, און דריי הונדערט מיליאן אראבער איז פאר זיי א גרעסערע געשעפט ווי צוויי הונדערט טויזנט אידן...

## צו זיין גוט!

"דער וועג פון די אידן: צו זיין גוט. צו זיין געטריי צו די מענטשן וואס האבן זיי געגעבן א היימלאנד. צו היטן שבת און די געזעצן פון לאנד וואו זיי וואוינען. און ווארטן אויף משיח וואס וועט קומען. ווי האט ביסמארק דאס געזאגט? די וועלט מלחמה וועט איין טאג קומען, פילייכט אין דרייסיג טעג, פילייכט אין דרייסיג יאר. דער משיח וועט אויך קומען, פילייכט מארגן, פילייכט אין טויזענט יאר, אבער ער וועט אין יעדן פאל קומען..."

ער מאכט צו די אויגן און זאגט ווייטער: "איך ווייס ווען ער וועט קומען, נאר איך וועל אייך נישט זאגן. ווייל ווען איך וואלט אויסגעזאגט, וואלט איך געשטארבן דאס יאר, און די וועלט ברויך מיר נאך האבן..."

# דער רחמנות'דיגסטער מענטש אין דער וועלט איז דער וואס האט נישט קיין קינדער

ער האט זיך געשיידט פון זיין ערשטע פרוי [הרבנית הצדיקת חיה חסיא ז"ל בת הרה"ק רבי שרגא יאיר מביאלאבזשעג זי"ע בעל אורן עדות], ווייל זיי זענען נישט געבענטשט געווארן מיט קינדער. ער האט חתונה געהאט א צווייטע מאל, דאן איז זיין טאכטער [הרבנית הצדיקת חי' פריווא רבקה ז"ל, אחות של יבלחט"א רבינו שליט"א] געבוירן געווארן. זי איז א כלה געווארן ביי די פיר יאר, מיט [הרב ר'] ברוך ראבינאוויטש [ז"ל], וועלכער איז דעמאלטס אלט געווען פינף יאר. חתן און כלה האבן זיך נישט געזען ביז דעם חתונה טאג. צו די חתונה אין מונקאטש, האבן זיבן לענדער, אויך אמעריקאנער צייטונגען, אהינגעשיקט זייערע קארעספאנדענטן.

ווען איך האב אים געפרעגט: וואס איז געווען דער פראבלעם וואס ער האט געהאלטן פאר דאס מערסטע ערנסט, אין זיין לאנגע קאריערע, האט ער געענטפערט: "דער רחמנות'דיגסטער מענטש אין דער וועלט איז דער וואס האט נישט קיין קינדער. דער גרעסטער ווייטאג וואס קען פאסירן פאר א מענטש, איז קינדערלאזיגקייט. די מערסט ערנסט אויפגאבע איז, צו העלפן אט די מענטשן.

מיר טוען האלטן סטאטיסטיקס אויף קינדערלאזע פארלעך, וואס קאנטאקטן מיר, זיי צו העלפן. מיר רעקארדירן בלויז די וואס זענען נישט געבענטשט מיט קינדער, אפילו נאך אכט יאר פון זייער חתונה. אונזער סטאטיסטיקס זאגן אונז, אז איך האב געהאט די מעגליכקייט צו העלפן, אין מער ווי פופציג פעלער, טייל מיט מיין תפילה און טייל מיט מיין עצה."

איך ריזיקיר מיט די פראגע: גלויבט איר, אז דער באשעפער הערט צו אייערע געבעטן מער ווי ביי אנדערע מענטשן?

אין דעם ענטפער וואס ער גיבט מיר, מוז איך שפירן דעם אויפריכטיגען רעליגיע: "זיי זאגן מיר אז איך בין אַ וואונדער-ראבינער, דאס איז נישט אמת. איך באוויז נישט קיין נסים. אפשר בין איך א בעסערער מענטש פון אנדערע, און איך קען בעסער די סודות פון קבלה. איך בין א געטרייער קנעכט צום באשעפער, און צוליב דעם הערט ער אויס מיין געבעט. אבער קיין נסים קען איך נישט באוויזן, נאר דער אויבערשטער קען מאכן נסים."

## דער וואס קוקט קיינמאל אין דער שפיגל

די ליכט אויפ'ן טיש ברענען לאנגזאם אראפ, מיר דערנענטערן זיך צו האלבע-נאכט, און עס קומט מיר ארויף אין געדאנק, אז איוואן סארז קען שוין זיין אומגעדולדיג דארטן אין פארק, מיט זיין זעקל

"מיר טוען האלטן סטאטיסטיקס אויף קינדערלאזע פארלעך, וואס קאנטאקטן מיר, זיי צו העלפן... אונזער סטאטיסטיקס זאגן אונז, אז איך האב געהאט די מעגליכקייט צו העלפן, אין מער ווי פופציג פעלער, טייל מיט מיין תפילה און טייל מיט מיין עצה."

פאפירן אונטער'ן ארעם - כאטש אומגעדולדיגקייט איז נישט באקאנט אין דעם הויז. איך ריזיקיר מיט די בקשה: הער אויבער-ראבינער איז דאך אזא גוטער מענטש, לאז דיך צייכענען און אפמאלן דורך דער קינסטלער וואס האט שוין געצייכנט קעניגן, פרעזידענטן, און גרויסע וועלט פירער...

ער זאגט נישט יא אדער ניין, רוף איך אריין דעם צייכענער.

דער איוואן סארז זעצט זיך אוועק אין ווינקל פון צימער און מיר רעדן ווייטער...

"צייכענען, דאס איז א טויטע זאך, און מיר ווערן געבוירן צו פרעדיגן לעבן. איך בין קיינמאל נישט פאטאגראפירט געווארן, און עס האט מיר אויך ווי געטאן צו דארפן שטיין פאר א קאמערע ווען איך האב געבעטן א פאספארט. די געזעץ פארלאנגט אז מען באקומט נישט קיין פאספארט אן א בילד, האב איך זיך געמוזט לאזן פאטאגראפירן. אבער איך קען נישט פעסטשטעלן צי דאס בילד איז גוט, ווייל איך קוק קיינמאל נישט אין א שפיגל..."

אקעגן איבער דעם טיש געמאכט פון אייכנהאלץ [*'אוק*], אויף וועלכע די ליכט ברענען און וואו דער פיר-און-זעכציג יעריגער שפירא לאזאר זיצט איבער די אלטע ביכער מיט די אפגענוצטע דעקלעך, איז פארהאן א ריזיגע שפיגל. עס טוט פראדוצירן אין אן ערנסטע געשטאלט די וועלט פון דעם געלן שיין פון די ליכט. אזוי האט מען געקאנט אנצינדן די ליכט אין טאלעדא, אין דער פייכטקייט פון די צעלן, און אין די שמאלע געסליך פונעם אמסטערדאם געטא. אזוי איז געווען דאס פלאקער פון די ליכט, אין דער נאכט ווען דער גולם איז געבוירן געווארן אין פראג, און ווען די גאליען-שיפן האבן זיך ארויסגעלאזט פונעם שפאנישן ברעג קיין איטאליע. אזוי פלאקערן די ליכטלעך אין די שולן פון זייערע קליינע פוילישע דערפער אין דער נאכט פון יום-כיפור, און אינעם אידישן קווארטל פון ניו-יארק ביי די פרייטאג-פארנאכטס געבעטן. דער שפיגל רעפלעקטירט אט די ברענענדיגע וועלט פון צוויי ליכט, געל און מערקבאר, אבער לאזאר שפירא, דער פרינץ פון מונקאטש, קוקט קיינמאל נישט אין שפיגל...

ווען די צייכענונג איז גרייט, קוקט ער דערויף, שמייכלט, ער חתמ'ט עס אונטער, און זאגט: איך קאן נישט פעסטשטעלן צי עס זעט אויס ווי מיר, אבער איך האב אן איינפאכע געפיל אז דאס איז גוט...



**Spira Lázár munkácsi főrabbi interjut ad Paál Jóbnak**

"ווען די צייכענונג איז גרייט, קוקט ער דערויף, שמייכלט, ער חתמ'ט עס אונטער, און זאגט: איך קאן נישט פעסטשטעלן צי עס זעט אויס ווי מיר, אבער איך האב אן איינפאכע געפיל אז דאס איז גוט..."

ביים געזעגענען זיך, בעט איך אים מיר צו בענטשן .איך ווארט: עס קומט זיכער יעצט עפעס א סארט צערעמאניע. אנשטאט: ער שאקלט מיר דער האנט, און זאגט מיר אן קיין פאזע: "מיין באשעפער זאל דיך בענטשן..." נישט מער, און נישט ווייניגער...

אינדרויסן ברענגט הער גרינפעלד, דער סעקרעטאר, אין צימער, פון וועלכן איך גיי ארויס, א קאווע-טעפל באדעקט מיט א סערוועטל. נעבן די קאווע איז דא א שטיקל קוכן.

אין מונקאטש, דארט קאכן צו מאל פיר קעכערס א רייכע מיטאג פאר זעקס הונדערט מענטשן, אבער די אוועגט מאלצייט פון לאזאר שפירא איז א גלעזל פון קאווע און א שטיקל פון געפלאכטענע ברויט. טונקל זאמען פון מאָן, אויף א שטיקל הארטע קוכן באשמירט מיט אן איי. עס ווערט דערציילט לעגענדעס איבער זיין איינקונפט, אבער ער פארמאגט נישט קיין עשירות און נישט קיין געלט. זיין היים איז לעצטנס געווארן פארכאפט פאר שטייער חובות. ער פארטיילט זיין גאנצע געלט צווישן די ארעמע לייט און די רעליגיעזע אינסטיטוציעס.



א צווייטע צייכענונג פונעם זעלבן מעלער


חיים אלעזר שפירא
אבדק"ק
מונקאטש והגלילות
על חומותיך ירושלים הפקדתי שומרים
נשיאת כוללות מונקאטש ועשרת גלילות ממעות רמבעה"נ באה"ק תוב"ב
מאסף מכל המחנות
צדקות ונדבות עבור אחבי' תושבי אה"ק
ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה
ב"ה, יום ... תרצ... מונקאטש יע"א.

"הכותב בפקודת כ"ק אדמו"ר שליט"א, הק' חיים דוב גרינפעלד, משמש בקודש".

א בריוו אויפן דרוק-סארט פון רבינו זי"ע, געשריבן דורך ר' חיים בער ז"ל, און ביים ענדע אייניגע ווערטער און חתימה בכתב יד קדשו פון רבינו זי"ע



"דער אויבער- ראבינער'ס באדינערס"




# אָז בַּהֲלוֹךְ... עַל קִבְרֵי אָבוֹת

לרגל די יומא דהילולא קדישא, וועלן מיר מעתיק זיין די דברות קודש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, וואס ער האט משמיע געווען ביי זיין פריערדיגען השתטחות על ציון המצוינת קודש הקדשים פון רבינו זי"ע אין די שטאט מונקאטש. דאס איז געווען לכבוד די מאורע פון די שמחת הבר מצוה פון נכדו הב' בנש"ק יעקב יואל ני"ו, מיט העכער א יאר צוריק, ביום כ"ח ניסן תשפ"ג העע"ל.

די עליה לציון איז געווען במעמד קהל רב מאנשי שלומינו. רבינו שליט"א האט משמיע געווען זיינע דברות קודש נאכ'ן אנצינדן א ליכטל ביים ציון הקדוש און זאגן די פסוקים פאר השתטחות על הקבר. עס איז געבליבן איינגעקריצט אין הארץ און מוח - פון אלע משתתפים באותו מעמד מרומם - די געוואלדיגע התעוררות וואס האט זיך געשפירט ביי יעדן איינעם.

די פענע איז צו ארום, צו קענען שילדערן די התרוממות און געפילן וואס האט געהערשט אויפן ציון. עס איז געווען א ספעציעל לופט דארט, א רוח מלמעלה ולמטה, ווען רבינו שליט"א, דער ממשיך דרכו בקודש פונעם בעל ההילולא זי"ע איז דארט געשטאנען מיט זיינע קינדער, תלמידים און חסידים, וואס ווערן נתגדל על ברכיו הטהורים בדרכי החיים והשלום. רבינו שליט"א האט גערעדט מנהמת לבו, פון זיין נשמה צו אלע אונזערע נשמות, סיי צו די נשמות וואס "המה חיים עודנה" דא אויף די וועלט, און סיי צו די נשמות וואס לעבן בעולם הבא. אלעמענס הערצער זענען צוגאנגען פון די הייליגע ווערטער, עס איז נישט פארבליבן קיין טריקן אויג. "כמים נשפכתי והתפרדו כל עצמותי היה לבי כדונג נמס בתוך מעי" (תהלים כב, טו).

מיר וועלן בלויז ברענגען דא א ווארטליכער איבערזעצונג פון די הייליגע ווערטער, וואס זענען געזאגט געווארן בקול בוכים, כבן המתחטא לפני אביו, וואס האט אריינגעדרינגען ביז די טיפענישן פון הארץ, געעפענט אלעמענס הערצער, זיך אויסצובעטן על אדמת הקודש כל משאלות הלב לטובה.



אין דעם טאג תשעה באב, ווײנט מען בײ די קינות, און מען זאגט די קינה וואס איז נתחבר געווארן דורך רבי אלעזר הקליר - וואס איז רבי אלעזר בן רשב"י (כמו שמבואר בתוספות חגיגה יג, א ד"ה ורגלי, ועיין שו"ת מנחת אלעזר חלק א סימן יא),"**אָז בַּהֲלוֹךְ יִרְמְיָהוּ עַל קִבְרֵי אָבוֹת**". מען דערציילט ווי אזוי עס האט אויסגעזעהן ווען ירמיהו הנביא איז געגאנגען אויף קברי אבות נאכן חורבן בית המקדש. דער בעל הקינות זאגט אז ירמיהו הנביא האט אנגעהויבן צו וויינען, ער האט געשריגן:

"**עֲצָמוֹת חֲבִיבוֹת**" - הייליגע באליבטע ביינער! "**מָה אַתֶּם שׁוֹכְבוֹת**" - וואס ליגט עטס דא? איך וויל ענק דערציילן וואס איז געשעהן: "**בְּנֵיכֶם גָּלוּ**" - ענקערע קינדער זענען אין גלות, זיי זענען שוין מער נישט אין ארץ ישראל, מען האט זיי פארטריבן פון דא. "**וּבָתֵּיהֶם חֲרֵבוֹת**" - די הייזער ווי זיי האבן געוואוינט איז אלעס חרוב. פרעג איך: "**וְאַיֵּה זְכוּת אָבוֹת**"? וואס איז געשעהן מיט די זכות אבות, מען האט אלץ צוגעזאגט אז מיט זכות אבות וועלן די קינדער געהאלפן ווערן? "**וְאַיֵּה הַבְטָחַת**" וואס דער אויבערשטער האט צוגעזאגט "**וְזָכַרְתִּי לָהֶם בְּרִית רִאשׁוֹנִים**"?

ירמיהו הנביא איז געגאנגען רעדן צו אברהם אבינו. אברהם אבינו האט זיך אויפגעוועקט און אנגעהויבן צו שרייען צום באשעפער: וואס האסטו מיט מיר געטוהן הייליגע באשעפער? "**חִנָּם נִסֵּיתִי עֶשֶׂר בְּחִינוֹת עֲבוּרָם**" - האסט מיר אויספראבירט מיט עשר נסיונות, איז דאס אלעס לחנם? איך בין דאך בײגעשטאנען די נסיונות! און וואס איז געשעהן מיט די הבטחה וואס דו האסט מיר צוגעזאגט "**אַל תִּירָא אַבְרָם**" - און ווי די פסוק פירט אויס - "**אָנֹכִי מָגֵן לָךְ**"?

דארט איז ער נאכנישט געהאלפן געווארן, איז ער געגאנגען צו יצחק אבינו. האט יצחק אבינו אנגעהויבן שרייען צום באשעפער: עס קומט דאך אויס אז "**לַשָּׁוְא בִּי טֶבַח הוּחַק**" - די עקידה איז געווען פאר גארנישט?! "**וְאַיֵּה הַבְטָחַת וְאֶת בְּרִיתִי אָקִים אֶת יִצְחָק**"?!

שפעטער איז ירמיהו הנביא געגאנגען צו יעקב אבינו. און דערנאך צו משה רבינו, דער רעיא מהימנא. ווען ירמיהו הנביא איז אנגעקומען צו משה רבינו'ס ציון, האט ער געזעהן דעם "**רוֹעֶה נֶאֱמָן**" פון כלל ישראל "**כְּפוּשׁ בָּאֵפֶר וּמְדֻמָּן**" - באדעקט און פארשמירט מיט אש און בלאטע. און משה רבינו האט געפרעגט דעם רבונו של עולם, עס איז דאך דא אן הבטחה וואס דו האסט צוגעזאגט "**כִּי לֹא אַלְמָן יִשְׂרָאֵל**", אז אידן וועלן נישט בלייבן פארלאזט אליינס?

קען מען זיך שטעלן דערויף און מדייק זיין, פארוואס ביי משה רבינו איז אנדערש ווי ביי אברהם אבינו, יצחק און יעקב אבינו, אז פונקט ער איז געווען "**כְּפוּשׁ בָּאֵפֶר וּמְדֻמָּן**" באדעקט און פארשמירט מיט בלאטע? מה שאין כן ביי אברהם יצחק ויעקב.

**יעדער ווייסט, אז צענדליגער צענדליגער יארן, איז דער הייליגער מנחת אלעזר געווען אין א בחינה פון "עצמות יבשות". קיינער האט נישט געקענט צוקומען דא צו זיין קבר. איך אליין בין אמאל כמעט געזעצן אין תפיסה צוליב וואס איך בין געקומען דא.**

נאר איך האב אריינגעטראכט און געקלערט, אז ביי משה רבינו זאגט דאך די תורה הקדושה (דברים לד, ו) "ולא ידע איש את קבורתו עד היום הזה" - קיינער ווייסט נישט ווי ער ליגט, מען קען אפילו נישט צו קומען צו זיין קבר. זאגן חכמינו ז"ל (סוטה יד, א בעין יעקב) פארוואס האט דער אויבערשטער באהאלטן משה רבינו און נישט געוויזן פאר אידן ווי זיין קבר איז? ווייל ווען אידן וויסן ווי משה רבינו ליגט, וואלטן זיי דארט שטענדיג געגאנגען איינרייסן מיט געוואלד. זיי וואלטן איהם געזאגט: משה, דו ביסט דאך אונזער רעיא מהימנא, ווי אזוי האסטו דאס צוגעלאזט? און דעמאלטס וואלטן זיי זיכער גע'פועל'ט. אבער דאס וואלט נישט געווען דער רצון ד', ווייל משיח וואלט געקומען בלא זימניה - נאך פאר די צייט. ממילא "ולא ידע איש את קבורתו", מען זאל די גאנצע צייט נישט קענען צוקומען צו משה רבינו.

בדרך כלל, א צדיק נאך זיין פטירה, איז ממשיך צו טוהן די זעלבע עבודה וואס ער האט געטוהן פריער, ווייטער זארגן פארן כלל ישראל און בעטן ביים אויבערשטן, אויך לאחר פטירתו. און א צדיק,

אז די קינדער קענען צוקומען צו איהם, און די קינדער קומען דארט צו איהם אויפן ציון, און מען איז מתפלל ביי איהם, שטייט ער אויף און בעט פאר זיי. דערפאר, אפילו אז זיי קומען צו איהם און שרייען געוואלד! און ער איז זיך מצטער אזוי ווי ביים לעבן (עיין רש"י במדבר כ, טו ד"ה ולאבותינו), פונדעסטוועגען, וויבאלד אז זיינע קינדער קומען דאך צו איהם, זעהט ער זיי, איז ער ממשיך זיין עבודת החיים. ממילא טוט אויף דעם צדיק שיינען א ליכטיגקייט, אזוי ווי בחיים חיותו. די צדיק שיינט פונקט ווי ביים לעבן. און אזוי ווי עס איז טאקע געווען ווען ירמיה איז געגאנגען צו די קברי אבות.

אבער ווען מען קען נישט צוקומען צום קבר פון א צדיק, ווייל מען ווייסט נישט ווי ער ליגט, און מען קומט נישט צו איהם בעטן, ממילא איז ער נישט מתפלל אויף זיינע קינדער. דערפאר, ווען עס גייט דורך נאך א יאר און נאך יאר, און דער צדיק זעהט נישט זיינע קינדער און איז נישט מתפלל אויף די אידן, איז דאס גורם אז דער צדיק איז שוין מער נישט מיט די זעלבע לבושים. ער לייכט שוין נישט ווי אמאל. ער שיינט מער נישט ווי די זון. נאר ער ווערט פארדעקט און פארשמירט באפר ובאשפה.

ביי משה רבינו האט דער אויבערשטער נישט געוואלט מען זאל וויסן ווי זיין קבר איז, כדי מען זאל נישט קענען צוקומען בעטן, טוט ער דאך שוין מער נישט וואס ער האט געטוהן בחייו. דערפאר האט ער שוין נישט די מעלה וואס ער האט אמאל געהאט. דערפאר לייכט שוין מער נישט די "פני משה כפני חמה" (בבא בתרא עה, א). עס איז שוין מער נישט "קרן עור פני משה" (שמות לד, לה). נאר פארקערט, ער איז "כָּפוּשׁ בָּאֵפֶר וּמְדֻמָּן" רחמנא ליצלן.

מיר קומען יעצט אלע דא צובראכענערהייט, מיט א צובראכן הארץ, אינמיטן א גרויסע שמחה, צו דער הייליגער זיידע ז"ל - דער הייליגער צדיק וואס האט זיך מוסר נפש געווען אויף כלל ישראל, ער האט זיך מוסר נפש געווען פאר די גאולה שלימה. ער האט אויף זיך אליינס מעיד געווען, אז ער האט מקיים געווען "**אחכה לו בכל יום שיבוא**" געווארט און געהאפט יעדן טאג אויף משיח'ן, און ער האט געזאגט בלשונו הקדוש "**בכל יום, בכל עת ובכל שעה, וכמעט בכל רגע**"!

**דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע האט דאך צוגעזאגט אז ווען ער וועט קומען בעולם העליון וועט ער נישט רוען, ער וועט פאר אונז בעטן, און וועט בעטן פאר די גאולה שלימה - דאס איז געווען זיין עיקר בקשה. דערווייל גייט דאך אדורך נאך א יאר און נאך א יאר, נאך צען יאר, צוואנציג יאר, דרייסיג יאר, פערציג יאר... ואין קול ואין עונה!**

יעדער ווייסט, אז צענדליגער צענדליגער יארן, איז דער הייליגער מנחת אלעזר געווען אין א בחינה פון "עצמות יבשות". קיינער האט נישט געקענט צוקומען דא צו זיין קבר. איך אליין בין אמאל כמעט געזעצן אין תפיסה צוליב וואס איך בין געקומען דא. ממילא אין אזעלכע יארן איז שוין נישט געווען מער די צורה און אור וואס זאל לייכטן ווי אמאל. די אור איז געווען פארדעקט מיט עפר ואפר, טמון באשפות, ווייל דער צדיק האט נישט געקענט טוהן מער פאר די קינדער אזוי ווי בחייו. ער האט נישט דא געזעהן זיינע קינדער. זיינע קינדער האבן נישט געקענט צוקומען צו איהם.

דאס איז געווען אמאליגע צייטן. אבער נאכדעם האט מען אסאך איינגעריסן, געבעטן און געטוהן פארשידענע פעולות כדי מען זאל קענען אנהויבן קומען... און מען קומט טאקע דא ווען מען קען. יעדעס מאל ווען מען קומט מתפלל זיין אויפן ציון ווערט א נייע תקופה. ער וועקט זיך צוריק אויף, און ער באקומט צוריק דעם גרויסן אור. אין אזא צייט, אז עס איז דא ביים צדיק אזא גרויסע ציבור אידן, איז "פני משה כפני חמה".

עס איז גרינגער געווארן אז מען זאל דא קענען קומען מתפלל זיין. מען האט איבערגעבויט דיין אהל, אויפגעשטעלט א בנין מפואר, און די אלע מצבות. אבער מיר זענען פיל מיט דאגות. מיר קומען צו דיר. דו זעהסט אונז דא. דיין פנים שיינט. אבער מיט דעם אלעם איז נאך אונזערע דאגות נישט אוועק. מען זעהט נאכנישט אז מען האט אויסגע'פועל'ט. עס פרעגט זיך נאך אלטס די זעלבע קשיא "איה הבטחת...". אנשים תמימים קומען און פרעגן ווי זענען די אלע הבטחות? דו ביזט דאך דער



רועה נאמן, מען האט צוגעזאגט אז "לא אלמן ישראל"! אידן וועלן אייביג זיין א לעבעדיג פאלק, א הייליג פאלק. אבער די אמת ווייסן מיר - דו ווייסט דאך אויך דעם אמת - אז דערווייל זענען מיר צובראכן כחרס הנשבר. מען ברויך ישועות, מען ברויך רפואות!

דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע האט דאך צוגעזאגט אז ווען ער וועט קומען בעולם העליון וועט ער נישט רוען, ער וועט פאר אונז בעטן, און וועט בעטן פאר די גאולה שלימה - דאס איז געווען זיין עיקר בקשה. דערווייל גייט דאך אדורך נאך א יאר און נאך א יאר, נאך צען יאר, צוואנציג יאר, דרייסיג יאר, פערציג יאר... ואין קול ואין עונה!

מען זעהט, אז ווען ירמיהו הנביא איז געגאנגען אויף קברי אבות, האט ער זיי אנגעהויבן צו דערציילן: "**עֲצָמוֹת חֲבִיבוֹת**" עטס זאלטס וויסן וואס דא איז געשעהן. "**בְּנֵיכֶם גָּלוּ**" - ענקערע קינדער זענען אוועקגעגאנגען אין גלות, "**וּבָתֵּיהֶם חֲרֵבוֹת**" כו'. פרעגט זיך א קשיא, האבן דען די אבות הקדושים נישט געוואוסט אליינס דערפון? פרעגן זיי זיך דען נישט נאך אויף די קינדער? ווייסן זיי נישט וואס פאר אן עונש די קינדער האבן באקומען, אז ירמיהו הנביא ברויך זיי קומען דערציילן וואס איז געשעהן?

די זעלבע זאך איז שווער צו פארשטיין דא ביי אונז. דער הייליגער מנחת אלעזר, אויבן אין הימל, ווייסט דען נישט וואס איז געשעהן מיט די שטאט מונקאטש? מיט אלע חסידים ואנשי מעשה, די אלע תלמידי חכמים, די אלע ערליכע אידן וואס האבן געהאט מסירת נפש פאר אידישקייט. ווייסט ער נישט וואס איז געשעהן מיט זיי?! אז מען האט זיי אלע פארטריבן, מען האט זייערע אלע הייזער צוגענומען, און מען האט זיי גע'הרג'ט בהרג ובחנק ובשריפה, זיי זענען אלע אומגעקומען על קידוש השם. ברויך איך איהם דאס דערציילן? ער ווייסט נישט!? עס קען נישט זיין! ווי אזוי איז במציאות מעגליך אזא זאך?

ממילא אז עס איז א גזירה מן השמים, און מען קען נאכנישט מבטל זיין די גזירה, קען מען פארשטיין. אבער צו זאגן אז ער ווייסט גארנישט, נאר אז מען ברויך קומען - ווי ירמיהו הנביא - איהם דערציילן וואס די מצב איז, און זאגן "עֲצָמוֹת חֲבִיבוֹת... בְּנֵיכֶם גָּלוּ" - ענקערע קינדער זענען שוין אוועק אין גלות, זיי זענען שוין מער נישט דא, אז עס איז שוין מער נישט דא קיינער אין מונקאטש, די גאנצע שטאט אלעס איז געגאנגען על קידוש השם?! ווי אזוי קען דאס זיין אז דער הייליגער זיידע, און די אבות למעלה בקודש, זאלן דאס נישט וויסן?

איך בין געווען א קליין קינד, איך געדענק נאך דאס געזעגענען, ביינאכט שפעט, אין בודאפעסט, ביי די באן סטאנציע. איך געדענק נאך די לעצטע קיש וואס זי האט מיר געגעבן, ביינאכט שפעט. איך געדענק נאך די בקשה "משה ליב'לע איך בעט דיך, היט אפ דיין זיידע'נס דרכים"!!!

זעהט אויס, אז אפשר זאגט מען זיי נישט אויס. און דערפאר האבן די אבות הקדושים דאס נישט געוואוסט. אזוי אויך, אפשר ווייסט נישט דער הייליגער מנחת אלעזר וואס דא איז געשעהן מיט די שטאט מונקאטש, מיט אלעם, ווייל מען דערציילט איהם נישט?!

איך קלער יעצט, אמת, מיר זענען שוין טאקע געווען דאהי אסאך מאל, אבער אפשר יעצט זאל איך טוהן ווי ירמיהו הנביא האט געטוהן. יא אנהויבן דערציילן, וואס דא איז געווען! אויב ירמיהו הנביא האט אזוי געטוהן - אפשר דארף איך אויך אזוי טוהן. הייליגער זיידע! עס איז געקומען די צייט איך זאל דערציילן וואס איז געשעהן.

האסט געהאט אן איינציגע טאכטער, מיין מאמע. האסט געזאגט "**מיין פרימא'לע האב איך מיט שֵׁמוֹת אויסגעבעטן...**". זי האט ב"ה זוכה געווען צו קינדער, און עס איז געקומען די שווערע מלחמה יארן. שפעטער, איז מען געקומען קיין ארץ ישראל מיט די מאמע, איין יאר האט זי קוים אויסגעהאלטן דארט, און נאכדעם אונז איבערגעלאזט, פינף קינדערליך יתומים. אוי... וואס מיר זענען אלץ דורכגעגאנגען... מען האט אלעס באהאלטן בסוד, עס זאל נישט וויסן קיינער. אבער אז דו ווייסט נישט, מוז איך דיר זאגן...

דער הייליגער מנחת אלעזר ווייסט זיכער, אז זיין רביצין איז אומגעקומען על קידוש השם, נאר וועגן דעם ווייל זי האט נישט געוואלט פארן קיין ארץ ישראל, צוליב צווייי טעמים. קודם האט זי געזאגט, מיין הייליגע קרוין


נשיאת כוללות מונקאטש ועשרה גלילות ממעות רמבעה"נ באה"ק תובב"א.
MUNKÁCS ÉS TIZ KERÜLETE PALESZTINA EGYESÜLET ELNÖKSÉGE.
TELEFON 2144. MUNKÁCS

SZ. ב"ה ג' תצוה הש"א לפ"ח Munkács, 193

כבוד האשה הצנועה היקרה מרת חנה פאשק"ז תחי'

שוין זייער אלאנגע צייט וויא איך באקים פון אייך נאר קיין שרייבין אויך קיין אנטווארט אויף מיינע שרייבינ'ס, מעגליך אז די היינטיגע פאסט גייט אזוי, דאך מיט איך יעצט אייך שרייבין פון אונזער בעפינדען גלויבט השי"ת חסד ער זאל ווייטער העלפין בכלל ישראל, ווארשיינליך האט איהר געהערט אז מיין טאכטער הרבנית תחי' האט לטובה חנוכה א זאהן געבארען ער

...

אלע קינדער היער שיחיו זענין ב"ה אלע געזונד השי"ת זאל ווייטער העלפין, מיינע איינציגליך מיין שיח"ר זייער זיס דאס איז מיין גאנץ ביסיל נחת וואס עס דערהאלט מיך ביים לעבין, חגם עס באקימט נישט וועגן מי' דערמאנט זיך און עס לאזט זיך גאר נישט פארגעסין פאר די גאנצע היינטיגע בימערע וועלט נאך ספעציעל ביי מיר אז מיין הייליגער רבי זי"ע זעהט דאס נישט מיט זיינע הייליגע אויגען אויף דעם עולם צווישען אונז, מיר האפען אבער דאך אז עס איז נאר אלעס אויף דערווייל ביז דער גואל צדק קימט שוין במהרה בימינו, דאס איז די גאנצע האפנונג מיינע און פון כלל ישראל צו דערלעבין בקרוב די רעכטע ישועה און צו זעהן דעם רעכטען מחיית עמלק, שרייבט מיר עפעס פון אייער בעפינדען און פון אייערע קינדער דארט שיחיו' וואס זיי מאכין און אייער מאן ר' אליעזר שיחי' איך האף עס איז אלעס גוטעס ביי אייך עס זאל ...

# "מיין טאכטער הרבנית תחי', האט לטובה, חנוכה, א זאהן געבארען, ער הייסט משה ליבלי שליט"א"

**פרסום ראשון!**

**א בריוו קיין אמעריקא**
**פון הרבנית הצדיקת רחל פערל הי"ד**
**מחברתו הטהורה פון הייליגען מנחת אלעזר זי"ע**
**געשריבן צו די רביצין**
**פון הרה"ח ר' אליעזר פאשקעס ז"ל**
**אין וואס זי דערציילט די פריידיגע בשורה**
**איבער די געבורט פון איר אייניקל**
**יבלחט"א כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א**

האט פיינט געהאט די ציאניסט"ן איך וויל נישט גיין וואוינען נעבן זיי. צווייטנס, איך האב נישט אויף וואס צו לעבן, איך האב היינט נאר דאס ווינקעלע אין אהל צו קענען ליגן נעבן מיין הייליגע קרוין, און פאר דעם אליין איז מיר שוין ווערד געווען צו קומען אויף דעם עולם. דאס איז געווען איר פארמעגן, אז זי האט א פלאץ ביים הייליגען מנחת אלעזר. אויף דעם האט זי אלעס איבערגעלאזט, צוריקגעקומען אהער, נעבער.

איך בין געווען א קליין קינד, איך געדענק נאך דאס געזעגענען, ביינאכט שפעט, אין בודאפעסט, ביי די באן סטאנציע. איך געדענק נאך די לעצטע קיש וואס זי האט מיר געגעבן, ביינאכט שפעט. איך געדענק נאך די בקשה "**משה ליב'לע איך בעט דיך, היט אפ דיין זיידע'נס דרכים**"!!!

איך געדענק נאך, אז איידער מען איז ארויין אין די באן האט מען געוואלט מיר אפוואשן דאס פנים, עס איז געווען שמוציג. איך האב אבער געוואוסט אז מיין פנים איז נישט שמוציג. נאר דאס איז פארשמירט פון די באבע'ס טרערן. איך האב דאס נישט געוואלט אפוואשן. איך בין געווען א קליין קינד.

זאל מען זאגן אז דער הייליגער מנחת אלעזר ווייסט דאס נישט? ווי אזוי קען דאס זיין? הערש'לע דיין באליבטער בכור איז שוין נעבעך נישט דא! חיים אלעזר איז שוין אויך נעבעך נישט דא!

אוי, אז ער ווייסט נישט וואס עס טוט אונז וויי, וואס עס גייט פאר, טוט דאס נאך מער וויי! עס קען נישט זיין! עס איז נישט עולה על הדעת!

אפשר זאגט מען נישט קיין שלעכטע בשורות? קיין אנדערע פשט ווייס איך נישט. ווי אזוי קען דאס זיין?

אבער גוטע בשורות קען מען דאך זיכער יא זאגן. זאלסט וויסן, עס איז פון דיר געבליבן הייליגע דורות, לעכטיגע קינדער, וואס גייען אויף דעם זעלבן וועג. אסאך מאל טראכט איך מחשבות, און איך מיין, אז אויב מען וואלט געווען געבליבן אין מונקאטש, און אלעס בלייבט על מכונו, ווייס איך נישט צי עס וואלט געווען שענערע דורות ב"ה וב"ש, אלעס בזכות אבותינו הקדושים.



מיט א קשיא קען מען דאך נישט בלייבן. עס איז נאך אלטס שווער. פארוואס מוז ירמיהו הנביא פארציילן פאר די אבות? נאר בהכרח איז די פשט אנדערש, און עס איז קרוב לאמת אז דאס איז די פשט. אז מען ווייזט זיי יא אלעס. זיי ווייסן יא אלעס. מען ווייסט נעבעך אז די איינציגע טאכטער איז נישט געליבן לעבן, מען ווייסט אלעס, נאר מען ווייזט די צד אז אלעס איז לטובה מן השמים. עס מוז אזוי זיין אז דארט ווייזט מען איהם, אז אויפן אויבערשט'נס דרכים וועט אויסקומען א טובה.

אויב אזוי ווייס איך נישט וואס האב איך צו דערציילן. אז דארט בעולם העליון ווייזט מען ענק אז עס איז נישט אזוי שלעכט... עפעס אויף א וועג איז אלעס גוט...

אבער איך קום דיר זאגן - ווי ירמיה הנביא בדורו - אז עס איז נישט אזוי גוט! עס איז זייער פינסטער! עס איז זייער שלעכט! אזוי פיל פון אנשי שלומינו זענען שוין נישט דא, יעדן טאג ווערט פון אונזער דור ליידער וויניגער און וויניגער... וויפיל זענען קראנק נעבעך און האבן נישט ווי צו גיין. וואס קען שוין פון דעם זיין גוט?

וואס איך פארשטיי נישט, פארשטיי איך נישט, אבער דעם אמת זאג איך. עֲצָמוֹת חֲבִיבוֹת! עטס האטס געזאגט אז עס וועט זיין גוט, אבער עס איז נישט גוט! עס איז שלעכט! איך וועל זאגן דעם אמת, עס איז דא אזויפיל צו בעטן, עס קען נישט מער אזוי אנגיין!

ירמיהו הנביא האט זייער גוט געוואוסט וואס ער טוט. ער איז געגאנגען צו די אבות, זיי זאגן ווי שלעכט עס איז פאר די קינדער. איך ווייס נישט וואס און וויאזוי עטס ווייסט אלעס דארט אויף אן אופן אז דאס זאל זיין לטובה, אויב בְּנֵיכֶם גָּלוּ וּבָתֵּיהֶם חֲרֵבוֹת!? און איך פרעג וְאַיֵּה זְכוּת אָבוֹת?

לולא די נחמה אז עס איז דא פון ענק לעכטיגע קינדערליך, לעכטיגע דורות, וואלט מען נישט געקענט מער אויסהאלטן. ווייניג גוטע צייט גייען מיר אדורך. יעצט, הערנדיג אזא פשט'ל פון אן אייניקל, און אנדערע קינדער און אייניקליך, דאס האלט אונז ביים לעבן, כי הם חיינו ואורך ימינו. אבער די קינדער אליינס ברויך מען צו העלפן! מען קען עס נישט לאזן! מען ברויך געהאלפן ווערן מיט ישועות, מיט נחמות. מען זאל מער נישט דארפן פרעגן "וְאַיֵּה זְכוּת אָבוֹת"?

איך קען נישט ענדיגען נאר צו רעדן פון מיר, מיינע קינדער און מיין משפחה. איך האב דא א גרויסער ציבור פון אנשי שלומינו. זיי זענען ענקערע קינדער. "המלמד את בן חבירו תורה כאילו ילדו" (סנהדרין יט, ב). די אלע וואקסן אויף מיט א "דרכי חיים ושלום", מיט א נוסח התפלה, מיט אן אמונה שלימה אז דער הייליגער מנחת אלעזר האט א כח אין הימל. אוי, עס זאל חלילה נישט קומען דערצו אז מען זאל פרעגן... נאר לא נבוש ולא נכלם לעולם ועד!

**אנשי שלומינו. זיי זענען ענקערע קינדער. "המלמד את בן חבירו תורה כאילו ילדו". די אלע וואקסן אויף מיט א "דרכי חיים ושלום", מיט א נוסח התפלה, מיט אן אמונה שלימה אז דער הייליגער מנחת אלעזר האט א כח אין הימל. אוי, עס זאל חלילה נישט קומען דערצו אז מען זאל פרעגן... נאר לא נבוש ולא נכלם לעולם ועד!**

הנה העת והעונה להושיענו. יעצט איז די צייט וואס מען ברויך געהאלפן ווערן. מען קען נישט מער ווארטן. עס זענען דא טאטעס און זיידעס וואס זענען זיך מוסר נפש פאר ענקער הויז, און דארפן ישועות, ווי דער הייליגער קאמארנער זיידע פלעגט זאגן יעדן פרייטאג צונאכט "מלך פוקד עקרות". עס זענען דא צווישן אנשי שלומינו וואס ברויכן האבן א ישועה מיט קינדער און דורות. ווער נאך ווי דער הייליגער מנחת אלעזר ווייסט די ווייטאג פון אזא טאטע און אזא זיידע, אז ער האט נישט קינדער, צי ער זעהט אז ביי זיינע קינדער איז נאכנישט דא קיין קינדער. דער הייליגער מנחת אלעזר ווייסט דאך וואס ער איז דורכגעגאנגען אין דעם.

איך האב נאך אסאך צו זאגען און צו רעדן. אבער איך מיין, איך וועל ווייניגער רעדן מיינע דיבורים, נאר איך וועל ענדערש גיין זאגן די ווערטער פון דוד המלך, דאס האט א גרעסערע כח אין הימל.

**ווועלן מיר אנהויבן צו זאגן תהלים...**

# אלקא דמאיר ענני!




**רבינו שליט"א פארציילט:**

אמאל בין איך געזיצן מיט הרב החסיד רבי חיים בער ז"ל, משב"ק, במעמד גדולים וקדושים, ווען מען האט איהם געפרעגט: **די וועלט זאגט אז א גבאי איז נישט קיין חסיד... מיט וואס זענט איר אנדערש אז איר זענט יא אזא גרויסע חסיד?**

רבי חיים בער ז"ל האט זיך אנגערופן מיט ערנסטקייט און תמימות: **נישט דער גבאי איז אנדערש, נאר מיין רבי איז געווען אנדערש! עס ווענדט זיך וואס פאר א רבי מען האט...**

און ער האט זיך ערקלערט זיינע ווערטער און געזאגט:

פארוואס זאגט די וועלט אז א גבאי איז נישט קיין חסיד, ווי אנדערע חסידים, ווייל סתם א חסיד זעהט דאך נאר דעם רבי'ן אין בית המדרש און דאס גלייכן בשעת זיין עבודה. ביים דאווענען, זאגען תורה, פירן טיש, געזעגענען דעם ציבור און אזוי ווייטער. אבער דער גבאי דרייט זיך נאנט צו רבי'ן און ער איז א יוצא ונכנס אין אלע צייט, זעהט ער דאך דעם רבי'ן אויך ביי אנדערע געלעגנהייטן...

אבער וואס זאל איך זאגען, ביי אונזער רבי'ן, דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע, האב איך פריוואט אינדערהיים געזעהן אסאך א העכערע עבודה ווי אינדרויסן. וואס מען האט אפילו יום הקדוש נישט געזעהן אין בית המדרש. דאס איז געווען יעדן איינציגען טאג, יעדן אינדערפרי. צום ביישפיל, דער הייליגער רב האט אנגעהויבן זיין עבודה צופריה, מיט געבן צדקה פאר די פושקע פון רבי מאיר בעל הנס.

רבי חיים בער האט אנגעהויבן שילדערן ווי אזוי דאס איז צוגעגאנגען:

מערסטענס מאל איז אויסגעקומען אז עס האט ביים הייליגען מנחת אלעזר זי"ע נישט איבערגענעכטיגט קיין פרוטה, און ער האט ניטאמאל געהאט קיין געלט פון וואס מפריש צו זיין פאר צדקה. האט ער מיר געבעטן "חיים בער, איך ברויך האבן געלט פאר רבי מאיר בעל הנס". איך האב געברויכט גיין בארגען פון דעם און פון יענעם. עס איז נישט אנגעקומען אזוי גרינג. דער רב ז"ל האט שוין פון פריער צוליב זיינע צדקות געהאט גרויסע חובות. דער רב האט זיך צו מיר אזוי געבעטן איך זאל שאפן געלט, "און דעם קען איך נישט גיין דאווענען". איך בין געלאפן דא און דארט, ביז איך האב באוויזן צו שאפן געלט. דאס האט זיך איבערגע'חזר'ט כמעט יעדן צופריה.



ענדליך, ווען איך האב דאס געברענגט פארן הייליגען רב, האט ער דאס איבערגענומען מיט גרויס התרגשות. ער איז צוגעגאנגען צו די פושקע און אנגעהויבן מיט זיין הייליגע עבודה. ער האט גענומען א מספר חשבון פון פרוטות און מיט גרויס התעוררות און געוויין געזאגט "**הריני נותן פרוטה זו לאוקמיה שכינתא מעפרא...**"!

**אט די עבודה** - האט ר' חיים בער אויסגעפירט - **האט מען אפילו יום הקדוש נישט געזעהן אין בית המדרש!**

חֶמְדַּת הַיָּמִים, קְרָאוֹ אֵ-לִי צוּר. וְאַשְׁרֵי לִתְמִימִים, אִם יִהְיֶה נָצוּר.

# כֶּתֶר הַלּוּמִים, עַל רֹאשָׁם יָצוּר

אלה יעמדו על הברכה
ידידינו היקרים והחשובים, אנשי שם, עושי צדקה וחסד שמם
הטוב מפוארים עדת חבלם, ראשונים למקראי קודש בית מונקאטש

## הרב ר' **זאב זיכערמאן** הי"ו
מח"ס אוצר פלאות התורה, ראה"ק

## מוה"ר **אברהם יהודא ראזענבערג** הי"ו

## מוה"ר **אברהם צבי הכהן קליין** הי"ו

---

### מוה"ר משה יוסף עסטרייכער הי"ו

### מוה"ר מאיר זאב האללענדער הי"ו

### מוה"ר שמואל ארי' ראוט הי"ו

---

### מוה"ר פנחס יהושע פריינד הי"ו
ראה"ק בית מדרשינו מאנטריאל

### מוה"ר מנחם מענדיל גרינבערגער הי"ו

---

מוה"ר **אליעזר צבי ליפשיץ** הי"ו

הרב **צבי הכהן ווילמובסקי** הי"ו
גיסו של כ"ק אדמו"ר שליט"א

מוה"ר **חיים ישראל אפרים פישל ציגעלהיים** הי"ו

---

מוה"ר **שלמה בהרח"א ווייס** הי"ו

מוה"ר **אברהם יונה ליפשיץ** הי"ו

אשר בנדבת לבם הטוב השתתפו ביד רחבה בהוצאות "שבת המיוחס"
בהתאספות קהל עדתינו הקדושה לכבוד ההילולא קדישא
בצלא דמהימנותא של כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

זכות כ"ק מרן אדמו"ר בעל ההילולא זצללה"ה יגן בעדם ובעד ביתם
לפעול כל משאלות לבם לטובה ולברכה ביומא דהילולא דיליה
ויזכו להמשיך במפעלם הטוב לתורה ולחסד מתוך ברכת החיים והשלום.

כי תקדמנו ברכות טוב תשית לראשו עטרת פז

**יומא דהילולא**

שבת המיוחס
בצלא דמהימנותא

ב' סיון
תשפ"ד

פ"ז שנה להסתלקות רבינו הק' זי"ע

יומא דהילולא
שבת המיוחס
בצלא דמהימנותא
ב׳ סיון
תשפ״ד

# סידורו של שבת

טועמיה
למטה באולם
5:30

זמן
הדלקת נרות
8:10

תפלת מנחה
ליל שבת קודש
8:30

סעודה לכל האורחים תיכף אחר התפלה
למעלה בקומה ג׳

## שלחן הטהור ליל שבת קודש
12:00

תפלת שחרית יום שבת קודש
9:30
קידושא רבה לכל הקהל, למטה באולם

סעודה לכל הקהל הקודש
בראשות כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א
בבית מדרשינו הגדול

## שלחן הטהור וסיום הש״ס לכבוד ההילולא
6:15

תפלת מנחה וסעודת שלישית
8:10

זמן מוצאי שבת קודש
9:38

תורתו מגן לנו
הוא מאירת עינינו
וימליץ טוב
בעדנו

KHAL MINCHAS ELUZER MINKATCH
4706 14TH AVENUE
BROOKLYN, NEW YORK 11219